בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פֿאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות

פ' בשלח תשפ"א
Vol. 23-A

United Jewish Community of Blooming Grove · Est. 2019

**זמנים**

**בשלח**
שירה
הדלקת הנרות
**4:55**
סו"ז קריאת שמע
**9:04**
זמן מוצש"ק
**6:23**

# ווילעדזש אגאנזשירט פּראָפעסיאָנאַלע אינדזשענירן פאר וואסער איבערזיכט

מָצָאנוּ מָיִם; ס'איז דא ענדלאזע וואסער קוועלער אונטער אונזערע פיס!

זייט 10

## באקענט זיך מיט: דער ווילעדזש
אין אירע אפטיילונגען

ווילעדזש באורד | ווילעדזש קלורק | ווילעדזש טרעזשורי
פלעניניג באורד | זאונינג באורד | וואסער דעפארטמענט
סוער דעפארטמענט | בילדונג דעפארטמענט | א.א.וו.

וויאזוי ווערן אוועקגעשטעלט די דעפארטמענטס, אויפגאבעס, רעגולאציעס, פלענער אויפ'ן עתיד

## אָפּהאַנדלונג איבער דאס רשעות פון דעם 'פּלענינג באָורד' קעגן אידישע איינוואוינער

זייט 16

## איינצלהייטן און דעטאַלן פון דעם ערשטן ווילעדזש בודזשעט פאר'ן קומענדיגן יאר למספרם

זייט 9

## טאון אדמיניסטראַטאָר פון שכינות'דיגע קרית יואל שיקט אָפּ אפיציעלן בריוו צום 'ווילעדזש און טאון בלומינגראָוו'; דריקט אויס האפענונג פאר לאַנג-טערמיניגע געמיינזאמע צוזאמענאַרבעט

זייט 4

## היסטאָרישע "הרחבת גבולי הקדושה" מיט'ן אפקויף פון שטח פאַר'ן אויפבוי פון בית המדרש החדש "אמרי פנחס קאריץ"

זייט 2

## א בליק אין בלומינגראוו

זייט 18

וּבְהֵיכָלוֹ כֻּלּוֹ אֹמֵר כָּבוֹד:

# היסטאָרישע "הרחבת גבולי הקדושה" מיט'ן אפקויף פון שטח פאַר'ן אויפבוי פון בית המדרש החדש "אמרי פנחס קאריץ"

## בנין המפואר וועט בעז"ה דינען אלס פרעכטיגע צענטראלע בית המדרש מפואר רחבת ידים מיט מקוה מהודרת, און אלע צרכי הציבור פאר דער גאנצער געגנט בהנהלת הגה"צ רבי מאיר בערקאוויטש שליט"א, רב הקהלה

**אֶל מְקוֹמוֹ שׁוֹאֵף זוֹרֵחַ; שטח פון דעם בנין החדש, 13 דאלאס דרייוו, וואס האט שוין משמש געווען אלס צענטראלער ביהמ"ד ומקוה אין די "בראשית יארן" פון בלומינגראוו, אבער איז ליידער דערנאך אכזריות'דיג פארשלאסן געווארן דורך פיינטליכע ווילעדזש באאמטע, וועט אצינד נתחדש ווערן אורה כבראשונה מיט אזא פראכט און גלאנץ, להחזיר עטרה ליושנה!**

## מאסיווער "מעון ביתך" קאמפיין אונטערגענומען צו שאפן אסטראנאמישע סומע פון א מיליאן דאלאר לנצח על מלאכת בית ה'

## ערשטע צוגרייטונגען צום גרויסן מעמד "הנחת אבן הפנה" וואס וועט געפראוועט ווערן במקהלות עם רב אין דער נאנטער צוקונפט בעז"ה

"כי עתה ה' הרחיב לנו ופרינו בארץ!", תושבי העיר בכלל און די תושבי שכונת "װארלי הייטס" בפרט, האבן די וואך זיך באגריסט מיט דער ברכה פון "שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה!", צו די פריידיגע בשורה מרנינה אז די אנהויב וואך איז בשעה טובה ומוצלחת געשריבן געווארן קאָנטראַקט און געשלאסן געווארן מקח אויף א גרויסן הויז, וואו עס וועט בעז"ה אויפגעבויעט ווערן א **בנין מפואר פון דעם נייעם בית המדרש החדש "קאריץ" ביי ווינקל פון דאללאס און פיין היל**, אין צענטער פון די ווארלי הייטס געגענט, לפאר ולרומם בית אלקינו!

ווירקליך וואקסט דאס הארץ פון שמחה, און די געפילן דערהייבן זיך פון גליק, ווען מען האלט ביי אזא מאמענט און עס ווערט אפגעצייכנט אזא דראמאטישע ווענדפונקט אין די געשיכטע פון עירינו המעטירה, מיט די היסטארישע התחדשות והרחבת גבולי הקדושה וואס וועט בעז"ה צעמענטירן א שטאנדהאפטיגע באזע לתורה ולעבודה און וועט אנהייבן א שפאגל נייע עפאכע אין די געשיכטע פון דער גאנצער געגנט, א בית גדול ומפואר אשר משם תצא תורה טהרה ועבודה לשם ולתפארת.

דאס איז ווירקליך דער אנהויב פון א פרישע תקופה אין בלומינגראוו אונטער א פריידליכע ווילעדזש אדמיניסטראציע, ווען די הרחבת גבולי הקדושה דערקענט זיך שוין אויף א מאסשטאבליכן פארנעם, און די הערליכע המשכה פון דעם געגנט בליעט און שיינט מיט אפענע סייעתא דשמיא אויף א פארנעם וואס קיינער האט זיך נישט געקענט ריכטן דערויף, כה יתן ה' וכה יוסיף.

### די אויסטערלישע הצלחה און וואוקס:

דאס בית המדרש "אמרי פינחס ד'קאריץ" איז שוין לאנג באקאנט אלס א צוציענדער צענטער פאר תושבי השכונה, יראי ה' וחובבי תורה, דינענדיג אלס מקום תורה ותפילה פאר די קהלה נאה וחסודה, בהנהלת הגה"צ רבי מאיר בערקאוויטש שליט"א, וואו א פיל קעפיגער ציבור פון דער 'ווארלי הייטס' געגנטער און אויך פון ווייטערע געגנטער, האבן זיך קובע געווען מקום לתפלתם מיט שיעורי תורה אין א ברודערליכע אטמאספערע.

שוין א לענגערע צייט וואס דאס ביהמ"ד איז ב"ה איבערגעפולט, מלא על כל גדותיו, ווען מען איז גענצליך "אויסגעוואקסן" פון דעם ביז יעצטיגן בנין מיט א שטייגענדע לחץ זו הדחק וואס דערקענט זיך גוט ביי אלע תפלות.

ארגינעל האט דער פלאן געלויטעט צו איבערבויען און פארברייטערן דעם יעצטיגן קווארטיר אויף 20 דאלאס דרייוו, אבער אינאיינעם מיט דעם ריבוי המתפללים וואס שטייגט מיט אזויפיל נייע תושבים אין דער לעצטער תקופה בליעה"ר, האט מען זיך דערזען אז דאס וועט נישט זיין די פאסיגע לעזונג פאר דעם היכל ביהמ"ד וואס איז צר מהכיל.

די געטרייע הנהלת הבית המדרש - אין שפיץ פון דעם רב שליט"א וועלכער איז עינו ולבו שטענדיג לפאר ולרומם בית ה' - האט דעריבער באשלאסן צו ארייננשפרינגען אין א פרישן קאסטבארן פראיעקט, צו אהערשטעלן נאך א גרעסערע בנין אויף א באקוועמען און צוגענגליכן שטייגער, עס זאל בעז"ה זיין דער פאסיגער מקום תורה ותפלה פאר די געברויך פון תושבי העיר.

### ברוך מרחיב גד! געשלאסן קאנטראקט פאר'ן נייעם בנין:

וחפץ ה' בידם הצליח, מיט אסאך סייעתא דשמיא, האט דער קאריצער רב שליט"א געשלאסן קאנטראקט אויף דעם פאסיגן שטח, 13 דאללעס דרייוו, אין נאנטע שכינות מיט דעם עקזיסטירנדן בית המדרש, און איז ווי פון השמים צוגעשטעלט פאר א בית גדול שמגדלין בו תורה ותפלה און אנטשפרעכט בעז"ה צו זיין א רחבת ידים אין פולן זין פוןווארט.

אייגנטליך קען ריכטיג געזאגט ווערן דער "ממנו תחלת הקדושה", ווען דער שטח און דער הויז אויף דעם אדרעסע, 13 דאללעס דרייוו, איז פאקטיש געווען דער מקום קדוש, וואו עס האט זיך געפינען איינס פון די סאמע ערשטע בתי מדרשים דא אין בלומינגראוו, בראשית ימי התייסדותה.

די ערשטע תושבים אין דעם געגנט געדענקן גוט די ווייטאגליכע געשיכטע פון דעם הערליכן ביהמ"ד און מקוה מפוארה, וואס איז אויפגעבויעט געווארן מיט אזויפיל מיה און פלאג דורך געטרייע איינגעלייט תושבי השכונה.

ליידער איז די גאנצע בלוט און שווייס פשוט געגאנגען לטמיון, ווען דער בית ה', וואס איז געווען א צענטער פונקט פאר די גאנצע געגנט, איז הערמעטיש פארשלאסן געווארן, אדאנק די אינטערווענץ פון דעם דעמאלטיגן נייעם מעיאר, דזשעימס לא פרענקאו, וואס האט ממש דאן געווינען זיין טערמין, און האט גענומען אלס זיין ערשטע פריאריטעט זיך צו אפרעכענען מיט זיינע אידישע איינוואוינער.

עס לאזט זיך נישט זאגן וואס פארא קלאפ דאס איז דעמאלט געווען פאר יעדן יחיד פון




"פלאר פלענס" פון די צוויי שטאקן פאר'ן באנוץ פונעם ביהמ"ד, און א "סייט פלען" פאר פארקינג אינדרויסן פונעם בנין

די תושבי העיר. דא האט מען געלייגט אזויפיל האפענונג אז עס הייבט זיך אן א נייע תקופה פאר די געגנט, מען האט אינוועסטירט אזויפיל כוחות, אזויפיל געלט, און אזויפיל פלאג, צו אהערשטעלן דאס בית המדרש און די מקוה, און דא פלוצים טרעפט מען זיך אן קיין דאך איבער'ן קאפ. און צום געוואלדיגן ווייטאג שטייט דאס נאך עד היום הזה פארהאקט אונטער שלאס און ריגל, אין יוצא ואין בא.

אט דערפאר איז עס טאקע אזא בשורה טובה ומרנינה, ווען מען לעבט ב"ה מיט דעם "תרוממנה קרנות צדיק", וויאזוי אויף דעם זעלבן שטח, וואס איז געשטאנען פארשעמט און פארלאזט אזויפיל לאנגע יארן, וועט בעז"ה אויפשטעלט ווערן א הערליכער בית מקדש מעט, אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה, נאך פיל שענער און פיל גרעסער ווי דאס ביהמ"ד בימים ההם. להחזיר עטרה ליושנה ביתר שאת וביתר עוז!

## בונים היכל מפואר לה' אלקי ישראל; די גראנדיעזע באלדיגע פלענער

ווי ערווענט איז ווירקליך געשלאסן געווארן דער מקח טוב, ווען מען האט געשריבן קאנטראקט אויף דעם גאנצן שטח הגדול, וואס איז סטראטעגיש זייער צוגעניגליך צו דינען ווי א צענטער פאר דער גאנצער ווארלי הייטס געגנט, זייענדיג פונקט אויפ'ן גוטן ארט וואס איז נאנט צו אלע ארומיגע גאסן, סיי אויפ'ן בארג און סיי אונטן פונעם בארג.

לויט די אקטועלע פלענער וועט אויף דעם גרויסן שטח אויפגעבויעט ווערן א פרעכטיגער און לופטיגער היכל בית המדרש מפואר, אויסגעשפרייט אויף אומגעפער זעכצן הונדערט ס.פ. מיט אריבער 100 זיץ פלעצער, און צוגאב צו א גרויסער עזרת נשים, וואס וועט דינען בימות החול פאר נאך א חדר התפלה.

דאס בית המדרש וועט בעז"ה אנטהאלטן א מהודר'דיגע מקוה מפוארת, שיין גרויס און ליכטיג, א מקוה שטיבל, אן אנגענעמער קאווע צימער און א גרויסער אוצר הספרים, אלעס איינגעריכט און צוגעשטעלט מיט די נויטיגע איינריכטונגען און באדערפענישן וואס פעלט זיך אויס צו קענען עוסק זיין בתורה ובתפלה מיט הרחבת הדעת און באקוועמליכקייט, להגדיל תורה ולהאדירה.

די פלענער פון דעם שטח רעכענען אויך אריין א ברייטע פארקינג לאט, מיט אריבער 30 פארקינג ערטער, לתועלת באי בית ה'.

באזונדער קוקט מען ארויס אויף דעם פרעכטיגן "שמחה זאל" וואס וועט בעז"ה איינגעריכט ווערן אויף א הערליכן פארנעם, אין דעם בעיסמענט פון דעם ביהמ"ד. ספעציעל געאייגנט פאר שבת שבע ברכות און קלענערע שמחות, וואס וועט זיין א געוואלדיגע הילף פאר תושבי השכונה, אלס די ערשטע שמחה זאל אין אונזער געגנט, אויף שמחות געזונטערהייט.

לויט'ן יעצטיגן פלאן וועט דער רב שליט"א זיך אויך אריבערציען זיין וואוינונג צום נייעם קווארטיר, זיך צו קענען געפינען נאנט צום ביהמ"ד, לעמוד לשרת בשער בית ה'. און אין דער זעלבער צייט פסק'נען שאלות פאר די תושבי השכונה, פון דעם 'בית הוראה' וואו עס איז אלעמאל פארהאן אן אוזן קשבת און אן אפענער טיר פאר אידן בכל עת מצוא.

## "מעון ביתך" קאמפיין וועט אנשליסן נדיבי לב מיט זכותים נצחיים:

די געטרייע הנהלת הבית המדרש איז ווירקליך צוגעטרעטן צו דעם גרויסן אונטערנעמונג מיט'ן גאנצן אייפער און פלייס. אין די יעצטיגע טעג ווערן פארענדיגט די ענדגילטיגע טעכנישע צוגרייטונגען, לעגאלע פארמאליטעטן און ארכיטעקט פלענער, צו קענען אנהויבן מיט די פאקטישע בוי שטאפלען אין די גאר נאנטע טעג. מיט א באזונדערע דגוש אז דער בוי פראיעקט זאל געלאזט ווערן אין שוואונג ווי אמשנעלסטן און עס זאל נישט ווערן אויפגעהאלטן ביז דער בנין וועט זיין עומד על תילה בעז"ה.

די פאקטישע בוי ארבעט, די מלאכת הבני', ווערט ערווארטעט זיך צו אנהויבן אין די נאנטע חדשים, באלד נאך די בעפארשטייענדע וואלן, ווען מען האפט און מען קוקט ארויס בעז"ה אז דער 'זאונינג ריסעט' וועט קענען אריינגיין אין קראפט, און דער נייער בית המדרש וועט פארוואנדלט ווערן אין א פריידיגע רעאליטעט - גדול ומפואר יהי' כבוד הבית הזה לתפארת כל השכונה!

אינאיינעם מיט די פריידיגע מעלדונג, ווערט געלאזט אין שוואונג א גרויסארטיגער קאמפיין "מעון ביתך", וואס צילט צו אויפטרייבן די נויטיגע ריזיגע קאסטן לבנות ולהקים את הבית הגדול והקדוש. עס דארף דרינגענד געשאפן ווערן די סומע פון א מיליאן דאללער, צו ערמעגליכן די אויפבוי פון דעם נייעם בית המדרש.

דער "מעון ביתך" קאמפיין גיט פאקטיש די געלעגנהייט פאר אידן צו פאראייביגן א הנצחה לדורות עולם אין דעם נייעם בנין עדי עד וואו עס וועט געהערט ווערן דער קול תורה ותפלה ביז משיח'ס טאג, ס'איז ווירקליך א זכי' וואס לאו בכל יומא מתרחש צו זיך איינהאנדלן אזא זעלטענע זכרון נצח בהיכל ה', וואס וועט שטענדיג פארבלייבן לזכות פונעם נדבן אדער לעילוי נשמת קרובים וידידים וועלכע זענען שוין בגנזי מרומים.

די הנהלת בית המדרש איז שוין טאקע פארנומען אין די טעג אין העפטיגע געשפרעכן מיט אידן נדיבים בעם, וועלכע האבן אויסגעדריקט זייער באגער צו אפקויפן גרעסערע און קלענערע זכותים אין דעם בנין המסדות לעד ולנצח. אידן שפירן עס פאר אן אויסערלישע זכי' נקבע צו ווערן אלס נדבנים פון אזא מקום קדוש, וכל מי שרוצה ליטול את השם יבוא ויטול.

גלייכצייטיג שפעשענען די לעפצן א הארציגן שבח והודאה צו השי"ת דער "יושב תהלות ישראל", אינאיינעם מיט א געבעט אויף ווייטער, מען זאל האבן די זכי' ווייטער להגדיל תורה ולהאדירה, אז דער בנין זאל שוין קענען ערגעגנצט ווערטן צו דינען בעז"ה אלס א משכן ה', א באזע פאר תורה ועבודה, וואו עס וועט געהערט ווערן דער קול תורה ותפלה במשך רוב שעות היום והלילה, כה יתן וכה יוסיף ה' להלאה עד ביאת הגואל.

**וְכָל הָעָם הֵרִיעוּ תְרוּעָה גְדוֹלָה בְּהַלֵּל עַל הוּסַד בֵּית ה'!**

# טאון אדמיניסטראטאר פון שכינות'דיגע קרית יואל שיקט אָפּ אפיציעלן בריוו צום 'ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו'; דריקט אויס האפענונג פאר לאַנג -טערמיניגע געמיינזאמע צוזאמענאַרבעט

דעם פארגאנגענעם אנהויב דעצעמבער למס' האט די פירערשאפט פון די שכינות'דיגע 'טאון אוו פאלם טרי' געעפענט א פאזיטיווע קאמיוניקאציע פארבינדונג מיט'ן 'ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו', ווען דער טאון אדמיניסטראטאר, הר"ר גדלי' סעגעדין הי"ו, האט געשיקט אן אפיציעלער בריוו, אדרעסירט צו מעיאר קאלאדזש, וואו ער טוט מיטטיילן די פלענער פון קרית יואל אנבאלאנגט דעם שטח וואס די 'טאון אוו פלאם טרי' האט אפגעקויפט אין די גרעניצן פון בלומינגראוו. דער שטח אויף סעוון ספרינגס, מאונטען ראוד קארנער 208.

אין דעם בריוו טוט קרית יואל פארלייגן פאר'ן היזיגן מעיאר זייערע פלענער, איבער דאס אויפבויען אויף דעם שטח א 'סיניאר קעיר' און אן 'עלדערלי האום' פאר עלטערע אידן, פארזיכערנדיג אז אלעס וועט געבויעט ווערן אין איינקלאנג מיט די געזעצן פון דער סטעיט און פון דער קאונטי, און פארשפרעכנדיג אז די קרית יואל'ע באהערדע וועלן כסדר האלטן דעם מעיאר אינפארמירט מיט די צייטליכע אפדעיטס איבער סיי וואס עס וועט געבויעט ווערן און וואו מען האלט מיטט דעם פראיעקט.

ר' גדלי' סעגעדין הי"ו שטרייכט אונטער אז קרית יואל קוקט ארויס צו אנהאלטן אַן אפענעם דיאלאג מיט דער ווילעדזש פירערשאפט בנוגע זייערע רעכטן איבער דעם שטח, ווי באקאנט אז עס איז פארהאן געוויסע רעכטן, ווען א מוניציפאלער רעגירונג האט בעלות אויף א שטח אין א דערנעבנדיגע מוניציפאליטעט, דאן האבן זיי געוויסע רעכטן צו טון אויף דעם שטח לויט זייער אייגענע 'זאונינג' געזעצן.

גלייכצייטיג דרוקט די 'טאון אוו פאלם טרי' פארוואלטונג אויס זייער ווילן צו א ווירקזאמע קאאפעראציע און מיטארבעט אויף אלע געביטן, און עס איז טאקע דער ווונטש פון אלעמען אז מען זאל אנהאלטן א פאזיטיווע און פראדוקטיווע קאמיוניקאציע ליניע, מיט א קעגנזייטיגע פארשטענדעניש צווישן די צוויי אדמיניסטראציעס, פאר די תועלת און תכלית הנרצה פון אלע איינוואוינער.







TOWN OF PALM TREE
Post Office Box 568, Monroe, NY 10949-0568
Phone: 845.783.2600 Fax: 845.783.7600

Supervisor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Councilmen
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

December 1, 2020

**Via US Mail and Email**

Honorable George Kalaj
Mayor
Village of South Blooming Grove
811 Route 208
Monroe NY 10950

*Re: Senior Center and Elder Care Facility*

Dear Mayor Kalai:

I serve as the Administrator for the Town of Palm Tree and the Village of Kiryas Joel. I hope this letter finds you well. The Town of Palm Tree acquired a property within the Village of South Blooming Grove along NYS Route 208, at the corner of County Route 44, for the purpose of locating governmental buildings including a municipal senior center and elder care facility. The property is identified on the tax map as Section 220, Block 1, Lot 1 and consists of approximately 25.52 undeveloped acres. The parcel appears on the Village zoning map within the Village's Office/Research/Industrial zoning district and the Town's intended use does not appear to be inconsistent with permitted uses in this district.

Formal design and construction plans are being worked on. As you know, the Town of Palm Tree was recently established through the division of the Town of Monroe pursuant to Town Law § 74(2) and now shares a coterminous boundary with the Village of Kiryas Joel. As a new municipality, the Town intends to construct a much-needed senior center and elder care facility. The Town anticipates the facility would serve seniors residing in Palm Tree and, as a courtesy to the host community, seniors residing in South Blooming Grove. The Town has been unable to identify any other available parcels within the Town of suitable size and strategic access to main roads to accommodate the Town's needs.

The Town views this necessary municipal project as one that is exempt from local zoning. In accordance with Court of Appeals precedent, a municipal project is exempt from local zoning requirements when a balancing of public interests (the "Monroe factors") weighs in favor of the exemption. Considering the Monroe factors, the Town has concluded that construction of the proposed senior center and elder care facility warrants exemption from the Village's zoning code.

Nevertheless, in accordance with the Town's policy of municipal cooperation, the Town will provide the Village of SBG with design and construction plans for informational purposes as a voluntary accommodation. Likewise, the Town will be amenable to receipt and incorporation of suggestions or other comments from the Village as it deems reasonable, cost effective and that would otherwise not prevent or delay the project.

Please note that the project will fully comply with the requirements of the NYS Uniform Fire Prevention and Building Code; the State Environmental Quality Review Act; and any other State or federal permit requirements. The Town is also amenable to utilizing portions of the subject property to facilitate any identified need for State or County road widenings at this vital intersection in the Village.

The Town looks forward to further productive dialogue with the Village on this important municipal project.

Very truly yours,

Gedalye Szegedin
Administrator

cc: Abraham M. Weiss, Deputy Mayor
Village Board of Trustees
Town Supervisor
Town Attorney Sterthous

בריוו איבער די ???


בס"ד
GRAND OPENING
KIRYAS YOEL'S NEW FISH STORE
רעב-פישל טיילט
מתנות
פאר אלע
קינדערלעך מיט
אייער ערשטע
פיש ארדער.
געשמאקע גוטע
ריינע פרישע
פיש
קויפט מען ביי
רעב-פישל
PURE | CLEAN | NATURAL
CHEMICAL-FREE
NO
PRESRRVATIVES
FRESHEST FISH ON THE MARKET
ד' שטרענגע השגחה פון
CRC
כשר פארווע
Kosher Parve
רייכע אויסוואל פון געשמאקע פיש Ready-to-bake | דעלישעס געקאכטע פיש לכבוד שבת
באשטעלט אייער וועכענטליכע
פיש-ארדער ביי רעב פישל
פרישסטע פיש אויף די מארקעט | ציכטיג
ריין און זויבער | מיר וואשן די פיש אָן
קעמיקאַלן | בעסטע היימישע
געפילטע-פיש | ספעציעל צוגענגליכע
פרייזן | אויסנאם שנעלע דעליווערי
REBFISHEL
SEA-TO-TABLE FRESH
CALL + TEXT + WHATSAPP
845.751.1414
30 VALLEY AVE
CENTRAL VALLEY, NY 10917
ORDERS@REBFISHEL.COM
friedcomedia.com

# שטימע קאַסטן
## בריוו צו דער רעדאַקציע



*מיר ווילן הערן "אייער שטימע"!*

**אין דעם קאָלום ערשיינען די בריוון און קאָמענטאַרן פון בלומינגראָווער איינוואוינער צו דער רעדאַקציע.**

**אדרבה, שרייבט! איבער סיי וועלכע נושאים איר האַלט ס'קען פאַראינטערעסירן און נוגע זיין אַנדערע תושבי העיר, למען תועלת הציבור.**

דעם וויכטגין צוועק איבערהויפט נאכוואס דאס איז אונטערגענומען געווארן דורכ'ן געטרייען תושב וואס האט אזויפיל געלייסטעט פאר אונזער שטאט פאר די אויפבליה פון אונזער ישוב, און די אחדות גייט אויףביידע וועגן, מען טוט פאר זיך און פאר די שכנים און אלע איינוואוינער שטייען צוהילף איינרעפארן צווייטן.

יישר כח פאר די הערליכע אויסגאבע און נאכמער ווען עס קומט אן אין די פאסט וואס איז א געשמאק פאר די גאנצע משפחה צו קענען מיטהאלטן את הנעשה ונשמע וואס טוט זיך אין אונזער שטאט

מ. פ.

## מי כעמך ישראל, כח האחדות אין בלומינגראוו

צו די שטימע

עס קען נישט זיין א שענערע זאך צו זען, א נייע געגענט און יעדער לעבט אזוי שיין צוזאמען און מען איז דא איינער פארן צווייטן. מי כעמך ישראל.

די בלומיגנראוו באחדות האט נישט בלויז געדינט פאר א וואוט סלאגאן, נאר עס האלט אן אויך נאכדעם, גאר שטארק האט זיך דאס ארויסגעוויזן ביים גרויסן 'פדיון שבויים' אקציע אונטערגענומען דורכ'ן אלעמען באליבטן הרה"ח ר' אברהם משה ווייס שליט"א ווילעדזש טראסטי, ווען דער ציבור תושבי בלומינג גראוו זענען אנטקעגנגעקומען מיט ריזיגע סכומים און האבן זיך געלאזט קאסטן להוזיל זהב פאר




**שרייבט בריוו צו דער רעדאַקציע: Mail@shtima.com**
**אזוי אויך קען מען איבערלאזן מעסעדזשעס אויף: 845.384.2818**


# רעגיסטראַציע
## דרייוו



ס'איז שוין שפעט...

**וואַרט נישט אויף די לעצטע מינוט!!**

**רעגיסטרירט שוין!**

יעדער העכער 18 מוז זיין רעגיסטרירט!

מיט בלויז געציילטע מינוט, גיט איר א מעגליכקייט אז אייער שטימע זאל 'קענען' געהערט ווערן!!

**וויכטיגע דערמאנונג:**

נשים אויך כולל: אלע וואס וועלן זיין 18 יאר אויף קומענדיגען מארטש למספרם, ברויכן זיך יעצט רעגיסטרירן צו זיין בארעכטיגט צו שטימען!

פאר סיי וועלכע פראגע אדער הילף מיט רעגיסטראציע רופט שוין די עסקנים

**ר' אורי דייטש הי"ו 845.662.9409**

**ר' אלימלך היללער הי"ו 347.436.5884**

וואס וועלן אייך העלפן מסדר זיין די רעגיסטראציע און אראפקומען צו אייך אהיים

# נייעס און אָפּדעיטס

## אינערהאלב די קארידארן פון דעם "ווילעדזש און סאוט בלומינגראוו"

# איינצלהייטן און דעטאלן פון דעם ערשטן ווילעדזש בודזשעט פאר'ן קומענדיגן יאר למספרם

אין די לעצטע וואך פון סעפטעמבער למספרם, האט דער ווילעדזש אדורכגעפירט דעם ערשטן בודזשעט אפשטימונג אונטער דער נייער אדמיניסטראציע, פאר דעם קומענדיגן יאר 20-21 למס'.

דער ווילעדזש בודזשעט באשטייט פון פיר באזונדערע בודזשעטן, ווי פאלגענד. 1) דער 'דזשענעראל' פאנד. 2) דער וואסער בודזשעט. 3) דער סוער בודזשעט. 4) דער קאפיטאל פראדזשעקטס.

פאר די 'דזשענעראל פאנד' איז צוגעטיילט געווארן $1,523,761 - פאר די 'קאפיטאל פראדזשעקטס' איז צוגעטיילט געווארן $291,000 - פאר דעם וואסער בודזשעט $701,522 און פאר דעם סוער בודזשעט, $770,849.

פון דער 'דזשענעראל פאנד' ווערט $258,989 איוסגעטיילט פאר פעיראל. נעמליך, עס ווערט דערפון באצאלט געהאלט פאר דעם מעיאר, פאר די טראסטיס און פאר די אלע ווילעדזש איינגעשטעלטע.

דאס טוט נישט אריינרעכענען דאס געהאלט פאר די וואסער און סוער ארבעטער, וועמען מען זעהט כסדר אויף די ראודס וואו זיי פארריכטן און רעגאווירן. זייער געהאלט ווערט באצאלט פון די וואסער און סוער בודזשעטן.

עס איז מערקווערדיג צו ארויסהייבן דעם פאקטאר, אז די ווילעדזש אדמיניסטראציע האט געשטעלט א שטארקן דגוש אז דער היי - יאריגער בודזשעט זאל נישט אריינרעכענען קיין שום שטייער העכערונגען. און מען האט ב"ה מצליח געווען אז דאס יאר זאל גארנישט געהעכערט ווערן די שטייערן פאר די איינוואוינער.





תושבי בלומינגראוו דעם ליל שישי ביים מסיבה חסד נעוריך




# אקטיווע באמיאונגען דורך ווילעדזש באאמטע צו באלייכטן דעם 208 רד. אין די נאכט שטונדן



פון די וויכטיגע אינציאטיוון וואס דער נייער מעיאר, אינאיינעם מיט זיינע היימישע געהילפן, האבן אונטערגענומען אין די לעצטע וואכן, איז צו ברענגען א לעזונג צו די טונקלקייט וואס באהערשט דעם שטארק - באנוצטן 208 רד. אין די אווענט שטונדן. איבערהויפט אויף עטליכע פלעצער וואו דער ראוד גייט זייער געדרייט און עס איז א געוואלדיגע שטער פאר מאטאריסטן וועלכע זעהן שווער קארס פון די פארקערטע ריכטונג.

באטראכטנדיג די סיטואציע האט מען צוערשט ארויפגעברענגט א פארשלאג צו באלייכטן דעם 'אינטערסעקשאן' וואו דער 208 טרעפט זיך מיט 'מאונטן ראוד', וואו עס פאסירן ליידער אפט עקסידענטן. אבער דאן איז באשלאסן געווארן דורך די עסקנים שיחי', אז אויב פירט מען שוין דורך אזא פראיעקט, לוינט נישט דאס צו טון בלויז ביי איין אינטערסעקשאן, נאר עס פאדערט זיך צו ברענגען א פולקאמע לעזונג פאר דעם גאנצן ראוד.

דער מעיאר, אין באגלייטונג פון די געטרייע שטאב מיטגלידער, האבן זיך ארייגעלייגט צו גוט באלייכטן דעם גאנצן ראוד - אנגעהויבן פון קלאוו רד. ביי דער גאז סטאנציע, ביז דער או. ענד אר. צענטער - וואס ווערט רעגלסמעסיג באנוצט דורך בלומינגראווער איינוואוינער.

די עסקנים החשובים, הר"ר יצחק עקשטיין הי"ו און הר"ר יואל שטערן הי"ו, וועלכע זענען אויך די אפיציעלע ליעזאנ'ס צווישן דעם ווילעדזש און דער או. ענד אר. עלעקטריק קאמפאני, האבן זיך דעריבער פארשטענדיגט מיט'ן דירעקטער פון די פירמע דא אין דער קאונטי, וועלכער פארפיגט אויף די עלעקטריק 'פאולס' אין דער גאנצער אומגעגנט.

נאך פראדאקטיווע געשפרעכן האט מען אויסגעהאמערט א דיעל, אז די או. ענד. אר. וועט ערלויבן צו נוצן די עלעקטערישע שטאנגען, וועלכע לויפן דורך אויף דער גאנצער לענג פון דעם 208 רד. די פירמע איז אויך גרייט צוצושטעלן עלעקטערציטעט פאר א גאר מינימאלע אפצאל, צוליב דעם וואס זיי האבן דאך שוין די עלעקטעריק גלייך אויף די שטאנגען.




די איינציגע גרעסערע געלט אויסגאבע וואס מען דארף יא אינוועסטירן איז דאס איינשטעלן די עלעקטערישע באלייכטונגען און איינריכטונגען אויף אלע שטאנגען לענגאויס דעם 208 רד. וואס איז א קאסטבארע אונטערנעמונג, איבערהויפט אז עס פאדערט זיך צו אינסטאלירן די פארגעשריטענע 'לעד' עלעקטעריק. אויך נאכדעם וואס מען האט דערגרייכט אַן ערנסטן דיסקאונט וועט דאס אפקאסטן אומגעפער 50 טויזנט דאללער.

די געהילפן צום מעיאר האבן קלארגעשטעלט אז מען זוכט נישט דא צו העכערן שטייערן צוליב אזא אונטערנעמונג, און דעריבער קוקט מען אריין אויב עס איז פארהאן 'גרענטס' פון סטעיט אדער פעדעראלע רעגירונג פאר 'הייוועי דעפארטמענטס', וואס זאל פולקאם פינאנצירן אזא סארט פראיעקט.

די עסקנים זענען אין קאנטאקט מיט ערפארענע 'גרענט' שרייבער, וועלכע זענען באהאוונט אין ענליכע פעלער ביי אנדערע מוניציפאליטעטן, און מען האפט צו קענען מעלדן בקרוב איבער די נויטיגע פאנדן כדי צו קענען באלייכטן דעם ראוד אָן קיין באזונדערע אפצאל, אז מען זאל קענען אנהויבן די וויכטיגע ארבעט ווי אמשנעלסטן.

### שמחתי באומרים לי בית ה' נלך!

# פרישע פלאָטע פון 7 נייע סקול באָסעס ערמעגליכט געווארן אַדאַנק וואַרימער אָפּרוף פון נדיבים בעם

## אומגלויבליכע סייעתא דשמיא רופט ארויס שטוינונג און שעצונג, ווען 'יו. דזשי. סי.' קויפט אָפּ און רישט איין ריזן ציפער פון 12 נייע סקול באָסעס אין קורצע תקופה פון בלויז געציילטע חדשים לתועלת תושבי העיר - לא יאומן כי יסופר!

## טראַנספּאָרטאציע פון "מוסדות התורה והחינוך - בלומינגראוו" שיינט און לייכט מיט אויסטערלישע סוקסעס און ערשט - קלאַסיגע סערוויס צו אלעמענס צופרידנהייט

ווי באריכטעט פארגאנגענע וואך טוען תושבי העיר באגריסן די פאזיטיווע מעלדונג דורך די געטרייע שליחי הציבור, איבער דעם אפקויף פון פרישע 7 סקול באסעס, וועלכע שליסן זיך אָן אין דעם ריזיגן פלאטע פון טראנספארטאציע, אין צוגאב צו די 8 באסעס וועלכע זענען אנומלט אפגעקויפט געווארן און געפינען זיך שוין אויפ'ן ראוד מיט א קביעות.

ס'איז דוכט זיך איבעריג יעדעס ווארט צו שילדערן פאר אונז אלע, תושבי העיר, וויפיל מען איז אריבער ביז מען האט באוויזן צו איינפעדעמען דעם טראנספארטאציע אפאראט אויף א רואיגן און ביליגן פארנעם מיט א קביעות און א סיסטעם, געאייגנט פאר'ן היימישן ציבור און צוגעשטעלט צום געברויך פון אלע יארגענג און אלע מוסדות התורה והחינוך.

געוועזן זענען עס די געטרייע שתדלני הציבור וועלכער האבן אינוועסטירט וואכן און חדשים אז דער טראנספארטאציע סיסטעם דא אין געגנט זאל צושטאנד קומען אויפ'ן שענסטן און ביליגסטן אופן פאר אלע הונדערטער קינדערלעך בליעה"ר, יונגלעך און מיידלעך, על צד היותר טוב.

און אט שטייט מען טאקע דא, ווען די איבערמידליכע הארעוואניע האט זיך ב"ה אויסגעצאלט ווען די לעכטיגע תינוקות של בית רבן, שפאצירן שוין ארויף מיט א שמייכל אויף זייערע באקוועמע באסעס - אין אלע צייטן און יארגענג ווען די סקול דיסטריקט שטעלט נישט צו קיין אייגענע באסעס - צו פארן און קומען פון אלע מוסדות הק' אין דער שטאט קרית יואל, מיט קראנטע "רוטס" און פאר גאר - צוגענליכע פרייזן, ווען אלעס ווערט באגלייט דורך די "יו. דזשעי. סי." וואס טוט פארזיכערן אז אלעס קלאפט הונדערט פראצענטיג צו אלעמענס צופרידנהייט.

אבער אויך נאך דעם אפקויף פון די ערשטע רונדע פון 6 נייע באסעס פאר דער טראנספארטאציע פון "מוסדות התורה והחינוך בלומינגראוו", האבן די עסקנים נאכנישט געקענט ריען, מען האט דאך געוואוסט אז דאס איז נישט גענוג, און מען דארף שוין אפקויפן נאך פרישע באסעס צו אקאמאדירן דעם ריבוי התלמידים והתלמידות בליעה"ר, צו פארזיכערן אז די 'ראוטס' צו און פון אלע מוסדות התורה אין קרית יואל, ווערן טאקע דורכגעפירט צייטליך און פראקטיש.

## מחיל אל חיל; נאך 7 באסעס אפגעקויפט!

טראץ די גרויסע קאסטן וואס מען האט גענומען אויף זיך מיט'ן אפקויף פון די ערשטע באסעס, האט מען זיך באלד ארויסגעלאזט אויף דער לענג און דער ברייט, צו זוכן נאך באסעס וואס זאלן קענען נאכקומען דעם פארלאנג. וחפץ ה' בידם הצליח, ווען מען האט געטראפן א 'לאַט' פון זיבן באסעס, וועלכע שטייען צום פארקויפן דורך א געוויסע 'סקול דיסטריקט', אין אן אויסגעצייכנטן צושטאנד.

נאך לענגערע פארהאנדלונגען אראפצוברענגען דעם פרייז, האט די 'יו. דזשעי. סי.' ווירקליך דערגרייכט א גוטן דיעל, שטייענדיג ביים ענדע פון דעם קאלענדער יאר, ווען בשעה טובה ומוצלחת איז געשלאסן געווארן מקח. די 7 באסעס זענען אפגעקויפט געווארן צום באנוץ פון די לעכטיגע קינדערלעך און באלד דערנאך זענען זיי אהערגעברענגט געווארן, אדאנק די געטרייע הילף פון אינגעלייט, תושבי העיר, וועלכע האבן זיך אנגעטראגן צו ארויסהעלפן מיט'ן דרייוון דעם לאנגען וועג קיין בלומינגראוו.

אצינד גרייט מען צו די באסעס מיט אלע נויטיגע איינריכטונגען אז עס זאל קענען זיין נוצבאר אויפ'ן ראוד. אלע באסעס דארפן אדורכגיין מינדערוויכטיגע 'מעינטענענטס', 'די. או. טי. אינספעקשאנס', מען אינסטאלירט די 'ראדיא' סיסטעמען, די 'דזשי. פי. עס.' טרעקינג סיסטעמען, א.א.וו.

די באסעס זענען שוין אויך געווארן אנגעצייכנט מיט די לעכטיגע אידישע ווערטער "מוסדות התורה והחינוך בלומינגראוו", וואס איז א פראקטישע שריט אז מען זאל אנמערקן שוין פון דערווייטנס אז דאס זענען די באסעס פאר

אונזערע קינדער, די גליקליכע בלומינגראוווער קינדער.

חכם לב יקח מצות! ווי שיין און ווי נאבל איז צו מיטהאלטן דאס נדבת הלב וואס הערשט צווישן די איינוואוינער, ווען עס האבן זיך באלד געמאלדן טייערע נדבנים, וועלכע האבן זיך אנגעטראגן צו זיך איינהאנדלען א חלק אין דער גאר קאסטבארער אבער ווערטפולער און הייליגער אונטערנעמונג, צו פירן תינוקות של בית רבן אין חדר אריין.

בעת די שורות ווערן געשריבן זענען שוין פאקטיש אויספארקויפט געווארן די זכותים פון 4 באסעס, וואס וועט בלי ספק באגלייטן די נדבנים מיט אן אייביגע השפעה. דאס זעלבע פארהאנדלט מען שוין ערנסט איבער די זכותים פון די איבעריגע באסעס, וואס וועט אפגעקויפט ווערן דורך חשוב'ע נדיבים בעם, וועלכע שפירן פאר א זכי' צו האבן דעם גרויסן זכות מיד ולדורות.

ס'איז ווערט צו נאטירן אז די עסקני העיר האבן ספעציעל געארבעט אז די באסעס זאל זיין דאס מערסטע 'עפארדעבל' מעגליך. מען האט געלייגט א גרויסן דגוש צו קויפן באסעס וועלכע זענען אין א גוטן צושטאנד, אבער גלייכצייטיג זאל די קאסטן זיין מינימאל אן קיין איבערגעטריבענע הוצאות. די פרייז צו מנדב זיין א באס לזכרון עולם איז דעריבער 15 טויזנט דאללער פער באס, און עס ווערט ערווארטעט אז אין די קומענדיגע געציילטע טעג, וועלן אלע באסעס זיין פולקאם אויסגעצאלט בעז"ה, צו קענען אריינגיין אין דינסט בשעה טובה ומוצלחת.

## 'טרעקינג סיסטעם' ווערט אָט פארעפנטליכט פאר די עלטערן

דאס זעלבע ווערט אסאך ארבעט אריינגעלייגט אויף דעם געביטן פון דעם 'טרעקינג סיסטעם', וואס איז שוין פאקטיש אינסטאלירט געווארן אין אלע באסעס, וועלכע זענען שוין אויפ'ן ראוד. די גאר סאפיסטיקירטע 'טרעקינג' סיסטעמען, קענען מיטהאלטן יעדע סעקונדע און יעדן ריר פונ'ם באס. אויך אזעלכע קליינע דעטאלן, ווי אויב די טיר פון דעם באס איז אפן אדער פארמאכט; וואו מען האט געמאכט יעצט א 'סטאפ'; ווילאנג מען האט פארברענגט ביי דעם 'סטאפ', א.א.וו.



בליק אויף די סאפיסטיקירטע טרעקינג סיסטעם

דערווייל קען די אינפארמאציע נישט ארויסגעגעבן ווערן צום פובליקום, צוליב דעם וואס די 'ראוטס' טוישן זיך נאך, און געוויסע באסעס האבן נאכנישט קיין קביעות'דיגע צייטן און 'סטאפס'. אבער ווי נאר זאכן וועלן פאלן אין פלאץ אויף א פערמענאנטן פארנעם, דאן וועט ארויסגעשטעלט ווערן די 'טרעקינג אינפארמאציע' געאייגנט אז אלע עלטערן, און אזוי אויך די מנהלי המוסדות און די טראנספארטאציע דעפארטמענטס פון די מוסדות, זאלן קענען האבן צוטריט צו דעם סיסטעם און האלטן אן עינא פקיחא אויף יעדן באס, צו וויסן פונקטליך וואו די קינדערלעך געפונען זיך. א זאך וואס וועט שטארק צופרידנשטעלן די עלטערן און די הנהלת המוסדות, צו קענען באגלייטן די קינדער מיט א רואיגן געמיט דורכאויס זייער גאנצע רייזע.

אין די יעצטיגע טעג ווערט אויך אינסטאלירט די אויבנדערמאנטע 'טרעקינג' סיסטעמען אין די 7 נייע באסעס, ווי אויך ווערן די באסעס אויסגעשטאטעט מיט סאפיסטיקירטע 'דעש קאמעראס' פאר זיכערהייט צוועקן, מען זאל האבן א גענויעם חשבון וואס עס טוט זיך מיט די באסעס בכל עת ועונה.

## פול – טיים באָס מענעדזשער וועט באגלייטן טאג טעגליכע אפעראציע

שטייענדיג ביי אזא מאמענט, ווען מען פארפיגט מיט א פולקאמע טראנספארטאציע פירמע וואס אנטהאלט אזא פלאטע פון 12 באסעס, וועט אויפגענומען ווערן א פול-טיים באס מענעדזשער, אין צוגאב די ביז יעצטיגע איבערגעגעבענע שטאב, אין שפיץ פון די געטרייע מרת הירש תחי' וועלכע באגלייט אלע אפיס און 'דיספעטשינג' ארבעט טאג טעגליך.

דער באס מענעדזשער וועט באגלייטן די טאג טעגליכע אפעראציע פון די באסעס ערב בוקר וצהרים. צו פארזיכערן אז די דרייווער'ס קומען אן צייטליך; אז די ראוטס פארן פונקטליך; און אז די עלטערן זאלן האבן צו וועמען צו רעדן ווען עס פאדערט זיך סיי וועלכע טויש. דאס זעלבע וועט ער באגלייטן די 'מעינטענענטס' פון די באסעס; זיכער מאכן אז די באסעס זענען אלעמאל גרייט צום דינסט ריין, ציכטיג און גוט אויפגעהאלטן; און זיך אפגעבן מיט אינספעקשאנס און נאכקומען די רעגירונג פארשריפטן.

## אינטענסיווע לעגאלע ארבעט צום קומענדיגן שולע יאר

צו דער זעלבער צייט, איז מען אין די 'יו. דזשעי. סי.' קארידארן מקיים דעם "מזה ומזה אל תנח ידך", ווען מען איז העפטיג פארנומען מיט ערפארענע אדוואקאטן זיך גרייטנדיג צו דעם קומענדיגן שולע יאר, ווען מען קוקט ארויס צו קענען האבן היימישע און יושר'דיגע טראנספארטאציע פאר אונזערע קינדער.

מען ארבעט שוין אויף דעם רעגיסטראציע פראצעדור פאר די היזיגע סקול דיסטריקט, אויף דעם זעלבן פארנעם ווי פאראיאר, ווען עס איז ב"ה געקרוינט געווארן מיט א געוואלדיגע הצלחה מיט הונדערטער פרישע אפליקאציעס וואס האט פיל פארגרינגערט פאר עלטערן.

אזוי אויך איז מען קאנצענטרירט מיט לעגאלע ראַט און טאַט צו פארזיכערן אז דער קומענדיגער 'ביד' פאר די טראנספארטאציע, וואס וועט פארקומען מיט עטליכע מאנאטן ארום, זאל טאקע אנקומען צו אידישע פאראנטווארטליכע הענט, אזוי אז די ערליכע שטייער צאלער פון דעם ווילעדזש זאלן כאטש האבן דאס מינימום רעכטן אויף זייערע אפגעהארעוועטע טייערע סקול טעקסעס וואס מען צאלט אוועק, און מען זאל עכ"פ קענען דערפאר באקומען היכע קוואליטעט טראנספארטאציע פון א היימישע, צוגעגליכע קאמפאני, אונטער א אידישע בעלות, און א אידישע ווארים-הארציגע ווירטשאפט, מיט אן אוזן קשבת, וואס וועלן זיך צושטעלן צו אונזערע געברויכן בכל עת ועונה, זומער ווי ווינטער און אין אלע צייטן.

געוויס קוקן זיך צו די עלטערן תושבי עירינו שיחי' מיט א התרגשות דקדושה, צו דעם פארברייטערטן טראנספארטאציע פלאטע, וואס טוט אמבעסטן אנדייטן די געוואלדיגע סייעתא דשמיא וואס באגלייט אונזער עיר ואם בישראל אויף טריט און שריט עד כי גדל מאוד עד ביאת הגואל.

**אֵלֶּה מַסְעֵי בְנֵי יִשְׂרָאֵל לְצִבְאֹתָם וַיִּסָּעוּ!**

# חברה הצלה קרית יואל ברענגט אריין אין באנוץ נייע דעווייס פאר הצלה קאמיוניקאציע

## נייער דעווייס ארבעט מיט א פרישע מהלך וועלכע טוט בעז"ה דעקן די בלומינגראוו געגענט - נייע קאמיוניקאציע סיסטעם ווערט אקטיוויזירט נאך אינטערוועניץ פון עסקני יו.זשעי.סי. צו פארזיכערן קלארע קאמיוניקאציע על כל צרה שלא תבא

אין אַ שטארקע שריט פּאָראויס האָט "חברה הצלה קרית יואל" אָנגעהויבן אריינברענגען אַ נייעם סאָפיסטיקירטע סעלפאָון קאָמיוניקאַציע-סיסטעם, זייענדיגע די ערשטע דאָס איינצוטוישן פון די טראַדיציאָנאַלע פאַרבינדונגס-מיטלען צו וואס מען איז געוואוינט ביז היינט.

ביז גאנץ לעצטנס איז דער קאָמיוניקאַציע-סיסטעם פון "חברה הצלה קרית יואל" געווען אויסגעשטעלט עס זאל אויסארבעטן אין קרית יואל און עס אויך האט דאס אויפגעכאַפּט אביסל ארויס אויפ'ן רוט-17, אויף די טרואוועי' און ארום און ארום. אבער אין געוויסע געגענטער ווי אין די דערנעבנדיגע בלומינגראָוו געגענט, האט דאָס כמעט נישט געארבעט, כאָטש ווינטער איז עס געווען אביסל בעסער, אבער א גאנץ יאר האָט מען ממש נישט געקענט ענטפערן צו א קאָל פון דאָרט.

די וואָלונטירן ביי אונזאין בלומינגראָוו האבן געהערט אריינקומענדע הילפס-רופן, אבער האבן אַממיינסטענס נישט געהאט די מעגליכקייט צו קענען צוריקשיקן אַן ענטפער צום דיספעטשער. דאָס קומט וויבאַלד צווישן קרית יואל און בלומינגראָוו געפינען זיך זייער הויכע בערג וואָס האָט געשטערט די ביז-יעצטיגע קאָמיוניקאַציע-זענדונגען פון דורכגיין. מען האט עטליכע מאל פרובירט איינצורישן אַן אַנטענע אין בלומינגראָוו, דאָס ווערט גערופן א רעפּידער, וואס באדייט אז עס כאַפּט אויף די מעסעדזש אין קרית יואל און פירט עס אריבער אין אַ אנדערע געגענט, און פון דארט גייט עס ארויס צו אלע קאָמיוניקאַציע-געצייגן. אבער וויפיל מען האט פרובירט ביז היינט האט זיך עס קיינמאל נישט אויסגעארבעט, עס זענען געווען פּראָבלעמען.

מיט א האלב יאר צוריק האבן די בלומינגראָוו "יו-דזשעי-סי" עסקנים אינאיינעם מיט די "חברה הצלה" דיספּעטשערס מוה"ר בעריש שעהנברוין הי"ו, מוה"ר יוסי בלומענטאל הי"ו און מוה"ר זלמן לייב שטערן הי"ו זיך אריינגעלייגט אין די נושא צו זען וויאזוי מען קען אויפקומען מיט א מהלך צו קענען קאָמיוניקירן איינער מיט'ן צווייטן על כל צרה שלא תבוא.

עס איז דעמאלט באריכטעט געוואָרן צווישן די שפּאַלטן פון די "בלומינגראָוו שטימע" מיט אַפּדעיטס פון די אויבערמידליכע פאַרזוכן צו לעזן דעם פּראָבלעם. מען האט פּרובירט נאך עטליכע אָפּציעס, מען האט געוואלט מאכן א צייטווייליגע רעפּידער מיט אַן אנדערע סארט קאָמיוניקאַציע-סיסטעם וואס זאל ווערן איבערגעטייטשט פון איין זייט צום צווייטן, אָבער אויך דאס האט זיך נישט אויסגעארבעט.

דעריבער האָבן די "יו-דזשעי-סי" עסקנים אויפגעברענגט אַ פּאָרשלאַג אַז מען זאָל טוישן צו א נייעם ווערסיע קאָמיוניקאַציע-סיסטעם. זיי זענען דאָס דורכגעגאַנגען אינאיינעם מיט די געניטע "חברה הצלה" דיספּעטשערס וועלכע האָט שוין למעשה א לענגערע צייט געהאלטן אַן אויג צו טוישן צו אזא סיסטעם, אבער עס האט זיך אויסגעפעלט טעסטינג, און מען האט קיינמאל נישט געהאט די געלעגנהייט דאָס אויסצופּרובירן צו זען אויב דאס ארבעט, ווייל צו יעדע הילפס-רוף דארף מען דאך האבן קאָמיוניקאַציע-געצייגן וואס ארבעט אויף הונדערט פּראָצענט.

ותשועה ברוב יועץ, איז דעמאלט ארויפגעקומען דער געדאנק אז היות די "חברה הצלה" מעמבערס פון בלומינגראָוו שטייען דאך סיי-ווי מיט שוואכע קאָמיוניקאַציע, זאלן די עטליכע וואָלונטירן פונעם געגענט האבן אין באזיסביידע סאָרט סיסטעמען. אזוי זענען אלע וואָלונטירן אויסגערישט געווארן מיט די נייע אַפּדעיטעד קאָמיוניקאַציע-סיסטעם, און אין דער זעלבער צייט איז די "חברה הצלה" געבליבן מיט'ן ביז-יעצטיגן סיסטעם. מען האט געקויפט "געיטוועי" וואָס טוט די זעלבע זאך ווי א רעפּידער, עס נעמט די אינפאָרמאַציע פונעם אַלטן סיסטעם און פירט עס איבער צו דעם קאָמיוניקאַציע-סיסטעם.




מיט עטליכע וואכן צוריק האָט די "חברה הצלה" באשלאסן דורכצופירן אַ "טעסטינג", מיט'ן ציל צו זען אויב עס וועט ארבעטן אַ באַשטימטע צייט-אָפּשניט און אויב עס וועט זיין סוקסעספול וועט מען עס אויסברייטערן צו אלע וואָלונטירן. די "חברה הצלה קרית יואל" האט באשטעלט די ספּעציעלע געצייגן, און עס האט זיך ב"ה אויסגעארבעט. די "הצלה" מעמבערס פון בלומינגראָוו האבן שוין עטליכע חדשים די נייע סעלפאָונס און עס ארבעט זייער גוט.

נאך עטליכע חדשים וואָס די טעסטינג איז געקרוינט געווארן מיט סוקסעס, זענען אלע וואָלונטירן אויסגעשטאַט געווארן מיט דעם נייעם געצייג אנהייב די היינטיגע וואך פרשת בא, און איז פולשטענדיג אריין אין באַנוץ פאַר "חברה הצלה קרית יואל".

די נייע געצייג איז א מאסיווע הילף פאר די "חברה הצלה" וואָלונטירן, און מען קוקט ארויס אז דער גרעסערער טעסט מיט'ן באנוץ פון אלע וואָלונטירן דורך די קאָמיוניקאַציע-סיסטעם זאל זיך אויסארבעטן וויבאַלד דאס ארבעט מיט ספּעציעלע סערוויס און דעקט אלע געגענטער איבער קרית יואל רבתי. דאָס האָט נאָך א ספּעציעלע אויפטוה, אז דאס איז באַשיצט פון דרויסנדיגע אריינדרינגער, וועלכע קענען נישט מיטהאלטן סענסיטיווע זענדונג-אויסטוישן צווישן די וואָלונטירן, און איז א געוואלדיגער דורכברוך אויפ'ן פראָנט פון הצלת נפשות.

**כל המציל נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא**

# בַּעֲבוּרֵינוּ, אַל תִּמְנַע מָיִם!

## אַן אקטועלן בַּליק ארום די אקטיוועטן אַהערשטעלן ריינע וואסער אין אונזער שטאט

אין די פריערדיגע ארטיקלען איז ערוועהנט געווארן די פולזייטיגע אקטיוועטן, וועלכע ווערן געטון אויפ'ן פראנט פון ברענגען ריינע וואסער פאר אונזער שטאט, סיי דורך דער ווילעדזש און סיי דורך דעם מעיאר'ס חרד'ישע געהעלפן, וועלכע ארבעטן עפעקטיוו אינאיינעם מיט'ן טראסטי און דעפיוטי מעיאר, הרה"ח ר' אברהם משה ווייס הי"ו, וויאזוי צו לעזן דעם דרינגענדן וואסער פראבלעם וואס פלאגט אונזער שטאט.

**ומחיל אל חיל! אין די לעצטע עטליכע וואכן איז ב"ה דורכגעפירט געווארן א פרישע גאָר פאזיטיווע דורכברוך וואס וועט בעז"ה טוישן דעם גאנצן בילד מיט א פולקאמע לעזונג אויפ'ן לאנגען טערמין.**

אנשטאט צו פאָקוסירן בלויז אויף די אלטע קוועלער, וואס כמעט אלע פון זיי פארמאגן פונדאמענטאלע פראבלעמען, מיט די מינעראלן, מיט די כעמיקאלן, מאגניזיום, אייראן אא"וו, און מיט די שוואכע קראפט פון די פאמפס וואס געבן נישט ארויס גענוג וואסער, האט מען זיך אריינגעלייגט צו באטראכטן אנדערע אלטערנאטיוון, פון אן אנדערן ריכטונג, וואס פארשפרעכט אי"ה צו זיין אן אויסטערלישע אנטוויקלונג אין דעם געביט פון ריינע וואסער.

**ס'איז די רעדע איבער גראבן פרישע קוועלער, דא אין דער ווילעדזש, אויף א צוגענגליכן און פראקטישן פארנעם, וועלכע וועלן צושטעלן הונדערטער טויזנטער גאלאנען פון קלארע לויטערע וואסער פאר דער גאנצער אומגעגנט. אן דעם וואס מען זאל אפילו דארפן זיין פארנומען מיט די זעלבע 8-9 קוועלער וואס דער ווילעדזש פארמאגט ביז היינט, פון וואס מען האט אזויפיל עגמת נפש.**

אבער כדי בעסער צו פארשטיין דעם גרויסן פראיעקט, לאמיר אויף א ווייל באטראכטן די נאטור וואס השי"ת האט באשאפן, וויאזוי וואסער זאמלט זיך אָן אונטער דער ערד, וויאזוי די קוועלער פולן זיך אָן, און וויאזוי מיר קענען געניסן פון דאס וואסער אויפ'ן בעסטן אופן.

## די נאטור פון דער ערד און די וואסער אָדערן

געווענליכע ראיאנען זענען א געמיש פון צוויי סארטן terrains נעמליך, צוויי סארטן לאנד.

עס איז פארהאן א סארט ערד גערופן sand & gravel וואס באדייט אז דאס איז צוזאמגעשטעלט פון זאמד מיט קליינע שטיינדלעך, און דערנאך איז פארהאן אן ערד וואס הייסט bedrock וואס דאס זענען גאנצע בערג וועלכע זענען א שטיק שטיין, הארטע שטיין אן קיין זאמד.

פארשטענדליך אז יעדע געגנט איבער דער וועלט איז אנדערש. טייל פלעצער איז די ערד זייער אסאך שטיין, ווידעראום אין אנדערע ערטער איז עס בעיקר קליינע שטיינדלעך מיט זאמד.

ווען עס רעגנט אויף די שטחים וואס זענען געמאכט פון sand & gravel גייט דאס וואסער אריין אין דער ערד, און עס הייבט אָן ווערן איינגעזאפט אין די טיפענישן. דאס וואסער בלייבט אונטער דער ערד און עס זאמלט זיך אָן אין ריזיגע wanes - אָדערן [גידי הקרקע], וואס פירן און האלטן דאס וואסער. ווי באקאנט פאר יעדן וואס האט אמאל בייגעוואוינט וויאזוי מען מאכט א מקוה, אז מען זוכט אויס די אדערן און מען פון דארט פאמפט מען די קוועלער.

די געגנט צאל, וויפיל וואסער ליגט אונטער דער ערד, ווענדט זיך געוויס לויט וויפיל אינטשעס רעגן עס איז אראפגעקומען דורכאויס דאס יאר. יעדעס יאר פילט זיך דאס אן לויט וויפיל עס האט גערעגנט אין דאס פארגאנגענע יאר. (זעה ווייטער די פונקטליכע ציפערן וויפיל אינטשעס רעגן עס קומט אראפ אין דורכשניט יעדעס יאר).

ווען מען וויל פאמפן וואסער פון די אדערן, דארף מען צוערשט טרעפן די ריכטיגע קוועלער, פון וואו מען זאל קענען שעפן גענוג וואסער, דערנאך דארף מען דורכפירן פארשידענע 'טעטסן' און 'סורוועיס' וואס ווערט פארלאנגט דורך די געזעץ און דורך די פירמעס, ביז מען קען צוטרעטן צו דעם פראצעדור געוואנדן לויט די גרויסקייט פון דעם קוואל.

דאס איז אלעס גילטיג ביי א שטח פון זאמד און קליינע שטיינער.

ווידעראום, ביי די שטחים וועלכע זענען צוזאמגעשטעלט פון bedrock, איז דאך פארשטענדליך אז ווען עס רעגנט דערויף, קען דאס וואסער נישט אריינגיין אין דעם שטיין, עס גליטשט זיך אראפ פון דעם שטח ביז עס קומט אן צו די נענטסטע ארט וואו עס איז יא דא sand & gravel און דארט זאַפּט זיך עס איין.

אין געווענליכע פעלער איז דאס נישט ווייט אפגעריקט פון דעם ארגינעלן פלאן, ווייל צ.ב.ש. אויב איז דער שטיין א בארג, דאן רינט דאס וואסער אראפ פון די זייטן פונעם בארג, דורך די שיפשקייט און נעבן דעם בארג גייט עס אריין אין דער ערד.

אינטערסאנט צו אנמערקן אז אויב שעפט מען טאקע אויס דאס וואסער דורך דעם וואס מען בויערט אריין אין דער ערד, דאן פארבלייבט די רעגן וואסער אויף דעם שטח. אויב אבער מען שעפט נישט אויס דאס וואסער, וועט דאס וואסער צוביסלעך אריבערינען צו אנדערע שטחים, ווייט אוועק פון דעם ארגינעלן פלאץ, וואו עס איז איינגעזאפט געווארן.

ס'איז א געווענליכע ערשיינונג אז ס'איז פארהאן שכינים, וועלכע געניסן שוין יארן לאנג פון וואסער, וועלכע קומען ארגינעל פון א דערנעבענדיגן שכן אדער געגנט, פשוט צוליב דעם ווייל דארט האט מען געמאכט קיין קוועלער צו ארויסציען די וואסער. נישט אלעמאל דארפן געגנטער האבן אזויפיל וואסער, און דעריבער גייט דאס וואסער ווייטער צו אנדערע געגנטער.

## מען אגאנזשירט פראפעסיאנאלע וואסער אינדזשענירן

מיט אט דער הקדמה, האבן די עסקנים פון 'יו. דזשעי. סי.', וועלכע ארבעטן האנט ביי האנט מיט'ן ווילעדזש, איינגעשפאנט

עטליכע גאר גרויסע אינדזשענירן אין דעם געביט, וועלכע רופן זיך hydro geologists. זייער עקספערטיז איז צו דערגיין און קלארשטעלן וואו עס זאמלט זיך אָן וואסער, און וויפיל וואסער עס קומט אריין. מען דארף נעמען אין באטראכט די רעגן וואסער וואס קומט אראפ פון די בערג, די נאטורליכע קוועלער פון אונטער דער ערד, און דאס וואסער וואס קומט פון די געוועגליכע רעגענעס.

דאס ערשטע האט מען פארשטענדליך געזוכט צו דערגיין פון וואס באשטייט דער שטח אין בלומינגראוו, פון bedrock אדער sand & gravel, וואס דאס איז דער וויכטיגסטער שליסל איידער מען הייבט אן סיי וועלכע ארבעט פון גראבן פרישע קוועלער.

**די גוטע נייעס איז אז א ריזיגער טייל פון בלומינגראוו באשטייט פון sand & gravel. דאס באדייט אז מיר האבן פאקטיש א געוואלדיגע אוצר פון וואסער וואס ליגט באהאלטן אונטער דעם ערד - אויבערפלאך פון בלומינגראוו. מען דארף בלויז געפינען גענוי וואו עס לויפן די גרויסע אדערן, און דארט בויערן קוועלער צום באנוץ.**

די hydro geologists פראפעסיאנאלן, האבן שוין דורכגעפירט גרעסערע קאמפליצירטע 'סורוועיס' און טעסטן, צו דערגיין וויפיל וואסער עס איז פארהאן און וואו דאס וואסער געפינט זיך. אדאנק די פארגעשריטענע טעכנאלאגיע איז פארהאן אויסטערליש קלארע און דורכדרינגליכע טעסטן וועלכע קענען טרעפן די אקוראט גענויע ארט וואו עס איז פארהאן א קוואל, און קענען אנצייגן אויף די פונקטליכע שטח וואו מען זאל אריינבויערן אין דער ערד און דארט טרעפן דאס וואסער.

און די געפינסן וואס די מומחים האבן געטראפן איז טאקע געווען שטוינענד און אומערווארטעט.

**ס'איז אצינד קלאר אז דער שטח פון 5.2 סקווער מייל, וואו עס געפינט זיך דער 'ווילעדזש און סאוט בלומינגראוו', באקומט יאר יערליך מיליאנען! גאלאנען וואסער, בלויז פון רעגן וואסער. עס איז די רעדע פון ענדלאזע קוועלער פון וואסער, וואס זענען פשוט קיינמאל נישט באנוצט געווארן, צוליב אומקאמפעטענץ, נאכלעסיגקייט, און ווייל עס איז קיינמאל נישט געווען קיין געלט אין דעם בודזשעט אפילו אריינצוקוקן אין דער זאך. איבערהויפט אז די מענטשן וועלכע האבן פארפיגט אויפ'ן ווילעדזש זענען נישט געווען פאסיג און האבן קיינמאל נישט געטון וואס דארף געטון ווערן.**

## מָצָאנוּ מָיִם; ס'איז דא

## ענדלאזע וואסער קוועלער אונטער אונזערע פיס!

די מומחים האבן אנגעצייגט אז אויב מען וועט זיך ווייטער פארלייגן אויף די זעלבע 8-9 קוועלער וואס דער ווילעדזש פארמאגט, וועט אויסקומען אז מען מעלקט ווייטער די זעלבע קוה... אין דער צייט וואס ס'איז דא א מעגליכקייט צו באקומען טויזנטער גאלאנען פרישע וואסער, קריסטאל ריין און זויבער, מיט א שפע.

די hydro geologists האבן שוין פאקטיש געפינען און אנגעצייגט אויף מערערע גרעסערע קוועלער, וועלכע געפינען זיך דא אין די גרעניצן פונעם ווילעדזש און קענען האבן א געוואלדיגע פאטענציאל. פילע פון די קוועלער געפינען זיך אויף שטחים פון פריוואטע יחידים, און יעדער קוואל באזונדער קען 'סופלייען' מער ווי דעם גאנצן איצטיגן וואסער באנוץ פון די שטאט בלומינגראוו! אפילו בלויז איין איינציגער קוואל פון די אלע קוועלער!

בלויז אלס א ביישפיל, איז שוין ערוועהנט געווארן אין די פריערדיגע ארטיקלען אז לעת עתה ווערט אין בלומינגראוו געפאמפט נישט מער ווי 147 גאלאן וואסער פער מינוט, אין א צייט וואס כדי צו ארויסצוגיין פון דעם וואסער באגרעניצונג דארף מען פאמפען לכל הפחות 220 גאלאן א מינוט. אצינד אבער האט מען זיך דערוואוסט פון קוועלער וועלכע זענען יעצט גרייט צו ווערן אויפגעגראבן, וואס יעדער קוואל באזונדער פון זיי קען פאמפען צווישן 250 און 600 גאלאנען פער מינוט!

די געטרייע עסקנים פון 'יו. דזשעי. סי.' האבן זיך באלד אריינגעווארפן אין דעם פרישן אונטערנעמונג. מען האט זיך פארשטענדיגט מיט די אייגנטומער פון די שטחים און ב"ה אז מען האנדלט מיט אידישע ברודער, וועלכע זענען וויליג ארויסצוהעלפן דעם ציבור, און אייגנטליך זיך זעלבסט ארויסהעלפן, צו ברענגען א לעזונג צו דעם וואסער קריזיס.

**אצינד ליגט אויפ'ן טיש פארשידענע הצעות און אפציעס, וויאזוי אזא פראיעקט זאל דורכגעפירט ווערן, אויפ'ן בעסטן און צוגענגליכסטן פארנעם. מען דיסקוסירט און מען פארהאנדלט איבער די דעטאלן פון די קוועלער און און מיט וועמען מען זאל שליסן קאנטראקט צו שעפן פון דארט וואסער.**

פארשטענדליך, אז מען וויל געוויס נוצן אזא קוואל וואס איז ביליג צו גראבן, און וואו מען וועט נישט דארפן ציען קיין 'פייפס' זייער ווייט. דעריבער ווערט אצינד באטראכט די אפציע פון א גרויסער קוואל, וואס געפינט זיך זייער נאנט צו איינס פון די עקזיסטירנדע גרויסע וואסער mains פון דעם ווילעדזש. דאס וועט בעז"ה זיין א לייכטע אונטערנעמונג, איינפאך צוצוטשעפענען א 'פייפ' און פארמאכן אלע אנדערע קוועלער, אזוי ארום אז אלע וואסער זאל קומען פון דעם נייעם קוואל וואס וועט פאמפען הונדערטער טויזנטער גאלאנען טאג טעגליך.

> **ס'איז אצינד קלאר אז דער שטח פון 5.2 סקווער מייל, וואו עס געפינט זיך דער 'ווילעדזש און סאוט בלומינגראוו', באקומט יאר יערליך מיליאנען גאלאנען וואסער, בלויז פון רעגן וואסער.**
>
> **עס איז די רעדע פון ענדלאזע קוועלער פון וואסער, וואס זענען פשוט קיינמאל נישט באנוצט געווארן, צוליב אומקאמפעטענץ, נאכלעסיגקייט, און ווייל עס איז קיינמאל נישט געווען קיין געלט אין דעם בודזשעט אפילו אריינצוקוקן אין דער זאך.**

אבער די גוטע נייעס איז, אז עס איז דא ברוך ה' האפענונג. אזוי ווי עס שטייט אין דער הייליגער תורה, מצאנו מים. מען דארף עס נאר אויסארבעטן.

צו דער זעלבער צייט איז נאך פארהאן אסאך פלאנירונגען, אינזשעניעריע, און אנדערע טעכנישע פרטים וואס דארף נאך געטון ווערן, צו ערגענצן דעם פראיעקט. אסאך לעגאליטעטן דארפן ווערן אויסגעארבעט מיט א פונקטליכקייט, אז מען זאל טאקע קענען אריינגיין אין קאנטראקט.

אבער דאס איז אמאל זיכער אז עס שוין פארהאן א געוואלדיגע האפענונג. מען זעהט שוין א לאגישן און קלארן ענד - ציל, וואס וועט בעזרת השי"ת זיין דויערהאפטיג פאר פילע יארן אין דעם לאנג טערמיניגן צוקונפט. מען קען שוין ב"ה זאגן מיט א זיכערקייט אז בלומינגראוו וועט אין דער נאנטער תקופה האבן אסאך וואסער, ריינע לויטערע וואסער, מיט א גרויסע שפע.

**וַיַּחְפְּרוּ בַנָּחַל וַיִּמְצְאוּ שָׁם בְּאֵר מַיִם חַיִּים!**

# באקענט זיך מיט:

# דער ווילעדזש
## אין אירע אפטיילונגען

**ווילעדזש באורד | ווילעדזש קלורק | ווילעדזש טרעזשורי**
**פלעניניג באורד | זאונינג באורד | וואסער דעפארטמענט**
**סוער דעפארטמענט | בילדונג דעפארטמענט | א.א.וו.**

**וויאזוי ווערן אוועקגעשטעלט די דעפארטמענטס, אויפגאבעס, רעגולאציעס, פלענער אויפ'ן עתיד**

**פארלאפענע וואך זענען מיר אריבער דעם אויסשטעל פועם ווילעדזש באורד, פלענינג בוארד, און זאונינג באורד און אפיעלס, די געהלטער פאר די איינגשטעלט, וויאזוי עס איז איינגעטיילט די פאזיציעס אין יעדע אפטיילונג, וואס איז די פראדעצור צו טוישן א בוארד, וואס זענען די פליכטן פון די ווילעדזש באורד, וויאזוי עס ווערט באשטעטיגט אַן אפשטימונג, און פון א 'סופער מאיאריטעט' אין דעם 'ווילעדזש באורד'.**

## דער פראצעדור צו באשטעטיגן געזעצן אינעם ווילעדזש

אויף יעדער זאך וואס מען וויל אדורכפירן אין דעם 'ווילעדזש באורד', דארף מען אריינברענגען א 'מאושען', ד. ה. מען דארף ארויפברענגען די זאך אויפ'ן טיש, עפענטליך פאר'ן פובליקום.

אלס א ביישפיל: מען ברענגט אריין א 'מאושען', אז מען זאל אפנעמען די גארבעדזש צוויי מאל א וואך אנשטאט בלויז איינמאל א וואך.

אין אזא פאל ברענגט מען עס ארויף אויפ'ן טיש פאר די איבריגע 'באורד מעמבערס'. דאס מוז אבער געשעהן ביי א 'פובליק הירינג', און עס קען נישט פאסירן הינטער פארמאכטע טירן. וויבאלד דער ווילעדזש איז דאך א פובליק זאך, וואס באלאנגט פאר'ן ציבור, דעריבער מוז עס זיין ביי א פובליק הירינג.

מען מוז פריער איינמעלדן פאר'ן ציבור וואס עס וועט זיין די אגענדע פון דער 'פובליק הירינג', אז מען זאל קענען קומען אנגעגרייט און קענען אריינרעדן און אריינפרעגן. דאס זעלבע מוז מען ביי דער 'פובליק הירינג' נעמען קאמענטארן פון אלע אנוועזנדע.

ביי דער 'פובליק הירינג' ברענגט מען ארויף דעם 'מאושען'. און פון דעם מאושען דארף ווערן א 'רעזאלוציע'. עס ווערט געמאכט א רעזאלוציע, אז מען וועט - צום ביישפיל - אפנעמען גארבעדזש יעדן מאנטאג.

אצינד דארף די רעזאלוציע גיין פאר אן אפשטימונג, איינער פון די 'באורד מעמבערס' דארף אויפברענגען אן אפשטימונג, און מען שטימט דערויף. און אז די רעזאלוציע באקומט גענוג שטימען, גייט עס אריין אין קראפט.

אייגנטליך איז דאס לאו דוקא אזוי ביי א געזעץ, נאר אפילו ביי יעדע איינפאכע טויש אדער נייע איינפיר פון דעם ווילעדזש, דארף מען דורכגיין דעם פראצעדור.

אויב פלאנירט מען צו טוישן א געזעץ, דארף מען מיט 30 טעג פריער לאזן וויסן פאר די איינוואוינער אז מען גייט טוישן דעם געזעץ. מען דארף שוין לכה"פ 30 פריער פארליינען דעם געזעץ, אז דער ציבור זאל זיין באהאוונט וואס דער געזעץ איז, און וואס מען פלאנירט צו טוישן. הערשט 30 טאג שפעטער ברענגט מען אויף ביי א פובליק הירינג די רעזאלוציע צו טוישן דעם געזעץ, און עס קומט ארויף פאר אן אפשטימונג א.א.וו.

דאס זעלבע מיט אלע טשעקס וועלכע ווערן אויסגעשריבן דורכ'ן ווילעדזש פאר סיי וואספארא אויסגאבן, מוז עס ווערן אונטערגעשריבן דורך אלע 5 באורד מעמבערס, אדער דורך דעם מאיאריטעט פון די באורד מעמבערס. אויב נישט קען דער ביל נישט ווערן באצאלט.

אזוי איז מיט יעדער קלייניגקייט וואס דער ווילעדזש וויל נאר טון, מוז עס אדורכגיין ביי א פובליק הירינג, עס מוז אדורכגעפירט ווערן אן אפשטימונג און עס מוז באקומען אן אונטערשריפט פון אלע פינף מעמבערס.

דערנאך איז דא א באגריף ווי אן 'עקזעקוטיוו סעסיע', ד. ה. אז דער באורד זעצט זיך צוזאם הינטער פארמאכטע טירן, צו באהאנדלען געוויסע ענינים, אבער זיי טארן נישט טוישן קיין געזעץ ביי אן 'עקזעקוטיוו סעסיע'. קיין שום זאכליכע טוישן קענען נישט פאסירן הינטער פארמאכטע טירן, דאס איז נאר כדי צו אדורכרעדן אויסשמועסן ענינים אין א פריוואטע אטמאספערע.

■ ■ ■

נאך א געזעץ איז פארהאן, אז דער 'באורד' טאר זיך קיינמאל נישט צוזאמזעצן, אן דעם וואס עס איז פריער געווארן איינגעמאלדן פאר'ן פובליקום, אז די איינוואוינער זאלן קענען אנוועזענד ביי דעם באורד זיצונג.

מען האט דאך נישט געוואלט אז די באורד מיטגלידער זאלן זיך קענען זיך צוזאמזעצן צו יעדער צייט און איינפירן געזעצן ככל העולה על רוחם, איז דעריבער דער געזעץ אין לאנד אז דער מעיאר טאר קיינמאל נישט זיצן מיט מער ווי איין 'טראסטי' אויפאמאל אין אנדערע צייטן, ד. ה. נישט ווען מען איז אין סעסיע, ווייל דאס ווערט ערקלערט אלס א quorum, (אין אונזער שפראך ווי להבדיל א מושב בית דין).

דער מעיאר דארף אכט געבן אז ער זיצט קיינמאל נישט מיט נאך צוויי טראסטיס צוזאמען. דאס זעלבע טארן די אנדערע דריי טראסטיס נישט זיצן אינאיינעם אויף מיטינגען. זיי דארפן זיכער מאכן אז זיי זענען קיינמאל נישט ביי א מיטינג אינאיינעם פער דריי, אויסער אין 'ווילעדזש האל' נאכדעם וואס מען האט עס געמאלדן פאר'ן פובליק.

■ ■ ■

עס קען פאסירן אז א 'טראסטי' אדער אן אנדערער מיטגלידער אין דעם באורד, זאל יא ארויפברענגען א מאושען פון איין מינוט צום צווייטן ביי א ווילעדזש מיטינג. דאס איז א זאך וואס געשעהט כמעט נישט, אבער דאס איז נישט אויסגעשלאסן און עס קען געשעהן, און מען קען עס נוצן אויב פעלט עס אויס, ווען מען וויל נישט אז דער ציבור זאל וויסן פון פריער אז מען גייט עפעס אויפברענגען. אבער אויב וויל מען דורך דעם 'מאושען' טושן א געזעץ, דארף מען סיי ווי דרייסיג טאג פריער מודיע זיין פאר די איינוואוינער.

■ ■ ■

דער זעלבער סיסטעם פון אפשטימונגען און רעזאלוציעס, וואס איז פאראן אין דעם 'ווילעדזש באורד', אט דער זעלבער סטרוקטור איז אויך דא אין דעם 'פלעונינג באורד' און אין דעם 'זאונינג באורד'. יעדער זאך וואס זיי ווילן דורכפירן, דארף צוערשט אדורכגיין מאושענס, רעזאלוציעס און אפשטימונגען.

זיי מוזן אויך האבן א פובליק מיטינג יעדע צוויי וואכן. וואס באדייט אז עס ווערט אפגעהאלטן 3 באזונדערע מיטינגען פאר די 3 באזונדערע אגענטורן.

## די ארבעט פון דעם 'קלורק', 'טרעזשוער' א.א.וו.

אינערהאלב דעם 'ווילעדזש באורד' איז איינגעשטעלט דער 'קלוירק', דער 'דעפיוטי קלוירק', און דער 'טרעזשוער' און דער לויער', וועלכע ארבעטן פאר די אקטיוועטעטן פונעם ווילעדזש.

דער 'קלוירק' איז איינפאך ווי א 'סעקרעטערי', וואס דארף זיך באפאסן מיט אלע טאג טעגליכע פליכטן און אויפגאבעס. דער "קלוירק" פארעט זיך מיט אלע אנגעלעגנהייטן פון דעם ווילעדזש, אזוי ארום אז דער מעיאר דארף ממש גארנישט טון, אויסער די אפיציעלע זאכן וואס ער דארף אונטערשרייבן און עס אויספירן מן הכח אל הפועל.

אלע אנדערע ארבעט ווערט געטוהן דורך דעם 'קלוירק', צווישן אנדערע, מסדר זיין די 'פעיפער וואורק', ארויסשיקן די בילס, איינמאנען דאס געלט פון די בילס, סקעדזשועלן די ארבעט, זיכער מאכן אז אלעס קלאפט, אז די ראודס זענען געפוצט, דער גארבעדזש איז אויפגעפיקט, די שניי איז געשארט און סיי וועלכע אנדערע קליינע פונקציעס, ווי צ.ב.ש. אנפירן אלע מיטינגען, איינמאנען די וואסער בילס, און אלע אנדערע גרעסערע און קלענערע אויפגאבעס. דאס איז אלעס די ארבעט פון דעם 'קלוירק'.

מיר האבן דא א 'ווילעדזש' וועלכע האט ביז היינט געארבעט אויף א זייער אלט פארצייטישער וועג, ווען אלעס איז דורכגעפירט געווארן גענוי ווי אין די '80 יארן. דעריבער האט מען דא זיך געמוזט איינגעהאנדלן נאך א 'דעפיוטי קלוירק', און צומאל האט מען נאך געמוזט נעמען נאך אן 'אסיסטענט' פאר 'אווערטיים', ווייל אלעס איז געטון געווארן ווי מיט 30-40 יאר צוריק.

## א קליינע ביישפיל איז דער סיסטעם פון 'בילס'.

מערסטנס ציוויליזירטע ווילעדזשעס און טאונס היינט צו טאג, האבן אן 'אקאונט' מיט א קאמפאני (א שטייגער ווי די היימיש 'פרינט סענטער'). די פירמע באקומט א פייל, און זיי דארפן ארויסשיקן די בילס, די מעילינגס, און אלע אנדערע זאכן. דאס ווערט געטון אין מינוטן, עס ווערט ארויסגעשיקט פונקטליך אין צייט, פאר צענט אויפ'ן דאללער.

**דא ביי אונז אין ווילעדזש, ווערן אלע בילס ארויסגעפרינט אליינס, און די ענוועלאופס ווערן נאך געקלעפט מיט שפייעכטץ ווי פארצייטנס... דאן לייגט מען אליינס ארויף די 'סטעמפס' מיט די הענט, א 'סטעמפ מאשין' איז דאך מאן דכר שמי'... פארשטענדליך אז אזא אומקאמפעטענטע ווירטשאפט קאסט אפ פאר'ן שטייער צאלער גאר אסאך געלט, ווייל אויפצוהאלטן צוויי און האלב אדער דריי נפשות צו טוהן די ארבעט, איז אן אומוויכטיגע געלט און צייט פארשווענדריי, ווי יעדער בר דעת פארשטייט אז "צייט איז געלט".**

**אויסער דעם ווערן פילע אנדערע ארבעט נישט געטוהן, אדער נישט געטון ריכטיג אין צייט, ווייל די ווילעדזש איינגעשטעלטע זענען פארנומען דורכאויס דעם טאג מיט אזעלכע "וויכטיגע אויפגאבעס" ווי קלעבן ענוועלאופס און דאס גלייכן...**

דער ווילעדזש צאלט אויך פאר 'טרעזשורער', וועלכער באפאסט זיך מיט אלע פינאנץ אויסגאבן און מיט די איינקונפטן וועלכע קומען אריין, כדי צו זיכער מאכן אז מען בלייבט אין דעם בודזשעט. זאל טאקע דערמאנט ווערן אז א ווילעדזש מיט אזא קליינעם בודזשעט, דארף געווענליך נישט האבן קיין 'פול טיים טרעזשורער', עס קען רואיג ארויסגעגעבן ווערן פאר אן 'אקאונטינג' קאמפאני וועלכע קענען עס טוהן מיט א געוואלדיגע פראפעסיאנאליזם, א.א..וו.

אט די איינגעשטעלטע טוהן באריכטן צום מעיאר און צו די 'באורד מעמבערס'. דאס הייסט טעכניש ארבעטן זיי פאר'ן מעיאר אבער דער 'באורד' איז דער פאקטישער בעל הבית אויף זיי, ווייל זיי ארבעטן פאר דעם 'ווילעדזש באורד'.

■ ■ ■

## די פליכטן פון דעם "פלעניניג באורד"

לאמיר אצינד פארשטיין די פליכטן פון דער 'פלעונינג באורד' און פון דער 'זאונינג באורד'.

דער 'פלעונינג באורד' איז אהער געשטעלט געווארן צו פארזיכערן,

# דאס רשעות פון דעם 'פלענינג באורד' קעגן אידישע איינוואוינער

ליידער זענען מיר אלע עדות וויאזוי די שונאי ישראל האבן גענוצט דעם 'פלענינג באורד' צו שלאגן און אונטערדריקן אידישע איינוואוינער אין בלומינגראוו אויף אן אבנארמאלן פארנעם. אבער דאס צו באגרייפן פאדערט זיך צו כאפן א בליק עטליכע יאר צוריק.

דער 'ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו' איז געגרינדעט געווארן מיט אומגעפער 15 יאר צוריק, נאכדעם וואס די שותפים פון דעם געפלאנטן "קלאוו וואוד" דעוועלאפמענט האבן געקויפט זייער שטח. די העצער האבן זיך געזארגט אז מען וועט דא בויען הייזער פאר אידן האבן זיי דעמאלט געגרינדעט דעם ווילעדזש.

אז מען האט א נייעם ווילעדזש דארף מען דאך שרייבן געזעצן. א ווילעדזש דארף האבן אן אייגענעם 'קאוד', אן אייגענעם 'הייוועי קאוד', א.א.וו. וואס האבן זיי געטוהן? דער ווילעדזש איז דאך געווען קודם א חלק פון דער 'טאון אוו בלומינגראוו', האבן זיי גענומען דעם 'טאון זאונינג קאוד', די זאונינג געזעצן פון דער טאון, געמאכט א קאפיע דערפון, און באשטימט אז דאס איז אויך דער 'ווילעדזש קאוד'.

נאכדעם האט זיך אנגעהויבן, אז יעדן שני וחמישי זענען געווארן טוישונגען אין דעם געזעץ, אבער די טוישונגען זענען נאר געווארן אויף א 'ווילעדזש לעוועל' פאר די לאקאלע גוים. עס איז געווען אין א בחינה פון תמות נפשי עם פלשתים, מיר וועלן זיך דערשטיקן אבי דער איד זאל נישט האבן.

צווערשט האט מען באשטימט אז פאר יעדע מינדערוויכטיגע בוי דעטאל דארף מען גיין צום 'פלענינג באורד'. עס איז כמעט נישטא אזא זאך אז א מענטש זאל גיין צו דער 'ווילעדזש באורד' פאר א בילדינג פערמיט. מען זאגט אים גיי צום 'פלענינג באורד'.

דארט אויפ'ן 'פלענינג באורד' זיצן די רשעים, אונטער'ן מאנטל פון געזעץ, און זיי פלעגן אויסטיילן פאר'ן עולם גרויסע צרות, אומזיסטע אויסגאבן, און שלעפערייען און צעגערייען, וואס האט שאדן געמאכט פאר אידישע קינדער הונדערטער טויזנטער דאלארן, און אז מען רעכנט אריין די 'קלאוו וואוד' דעוועלאפמענט, רעדט מען פון צענדליגער מיליאנען דאלארן שאדן פאר אחינו בני ישראל.

דערנאך האט זיך אנגעהויבן א רייע מיט טוישונגען מיט איין ציל; צו מצער זיין דעם איד.

דער געזעץ איז געווען ביז היינט אז מען מעג בויען די א.ג. "מוטער און טאכטער" הייזער, ווי אויך מעג זיין 3 הייזער אויף אן עיקער. אבער דאס האט זיך געטוישט, מען קען שוין נישט בויען קיין נייע הויז, נאר אויב די פראפערטי איז גרויס 2 עיקער.

דאס הייסט אין אנדערע ווערטער אז אויב אייער הויז געפינט זיך אויף א שטח פון א האלבן עיקער, און איר באשליסט מארגן אז איר ווילט איבערבויען אייער הויז, און איר ווארפט אראפ אייער איצטיגע הויז, דאן קענט איר שוין אויף דעם פראפערטי גארנישט בויען, דאס איז שוין אסור למפרע, ווייל צו בויען א נייעם סטרוקטור מוזט איר האבן לכתחלה 2 אקער לאנד!...

**מיט אומגעפער 4-5 יאר צוריק, ווען זיי האבן אויפגעפאסט אז דער אידישער עולם הייבט אן זיך ארויסצוציהען, צוערשט אין די "ווארלי הייטס" געגענט, און דערנאך אויך אין דעם "קעפיטאל היל" געגנט. האבן זיי באשאפן א קאנצעפט גערופן "סקעניק אווערלעי", ד. ה. אז אויב א גוי, וואס וועט זיין 5 און א האלב מייל ארויפציה, וועט איין נאכמיטאג ארויסקומען אויף**

אז דער ווילעדזש בלייבט מיט איר זעלבער צורה און אויסקוק וואס די ווילעדזש איינוואוינער ווילן אז אזוי זאל דאס אויסקוקן.

דער מעיאר טוט באשטימען, ווי אויבנדערמאנט, דעם 'פלענינג באורד' און דעם 'זאונינג באורד'. זייער פליכט איז זיכער צו מאכן אז דער געזעץ איז אין פלאץ, און עס ווערט איינגעהאלטן, אז זאכן ווערן טאקע אזוי געבויעט מיט א נארמאלע און מענטשליכע אויסשטעל, עס זאל נישט שטערן די הרחבת הדעת פון די איינוואוינער.

געווענליך האט יעדע מוניציפאליטעט, יעדע טאון און יעדע ווילעדזש, א 'זאונינג קאוד'. דאס איז דער געזעץ וואס איז אראפגעשטעלט, אז יעדער וואס וויל בויען א הויז, אדער ער וויל בויען סיי וואס אויף א נארמאלן פארנעם, דארף ער זיך ווענדן צום 'ווילעדזש באורד', פאר א 'בילדינג פערמיט'.

געווענליך דארף דער 'פלענינג באורד' בכלל נישט ווערן פארמישט דערינען, דער 'פלענינג באורד' איז בלויז געמאכט ווען איינער וויל מאכן א זאך וואס איז אויסער דעם נארמאלן הלך ילך פון טאג טעגליך.

ווי צ.ב.ש. ווען עמיצער וויל בויען א גרעסערן ביהמ"ד, אדער א 'שאפינג סענטער' צי א 'ביזנעס סענטער', א בנין וואס איז נישט 'רעזידענשעל' נאר איז 'אינדוסטריעל' און 'קאמערשל'. ביי אזא פאל איז געשטעלט געווענליך דער 'זאונינג באורד' וואס ברויכן צו פארשטייען און וויסן וואס זיי האבן צו טוהן.

## די געווענליכע ארבעט פון דעם 'פלענינג באורד'

דער "פלענינג באורד" איז צונויף געשטעלט פון עטליכע מיטגלידער, איינוואוינער פון דעם ווילעדזש. דער 'באורד' האט אויך

**זיין פארטש און ער וועט קוקן פינף מייל ארויף אויפ'ן בארג, און ער וועט באמערקן דעם איד'ס גרויסן פארטש, וואס ער האט געבויעט פאר א סוכה, אדער דער קליינער 'עקסטענשאן' וואס דער איד האט זיך צוגעבויעט, קען עס אים חס ושלום שטערן, ווייל עס גייט אים אוועקנעמען איין ביימל, און דעריבער איז דאס נישט ערלויבט צו בויען.**

**דאס זעלבע לגבי די "סעטבעקס" פון די "לאט ליינס". דאס הייסט אז ביז דאן, ווילאנג מען איז געווען 15 פיס אפגערוקט רעכטס און לינקס פון די צוויי דערנעבענדיגע שכנים, און פופציג פוס פארנט, און פופציג פוס פון אונטן פונ'ם הויז, האט מען געקענט בויען ביז 2500 סקווער פוס, אויף א 'פוט פרינט' פון דער פראפערטי. אצינד האבן זיי דאס אלעס רעדוצירט און אלעס אראפגענומען. די הויך פון א בילדינג פלעגט זיין 35 פוס, זיי האבן עס אראפגענידערט צו 25 פוס.**

**אמאל פלעגט א מענטש זיין בארעכטיגט ארויסצובויען 300 סקווער פוס פער יאר, און אויב האט ער נישט געבויעט אפאר יאר, האט ער געקענט מאכן א 'ראלאווער', דאס טייטש, ער נעמט אפ די צוזאמגעקליבענע סקווער פוס פון די פארגאנגענע פאר יאר, און באזירט אויף דעם קען ער ארויסבויען אן 'עקסטענשאן'. האבן זיי באשטימט אז זיי געבן נאר א פערמיט ארויסצובויען 600 פוס פאר אייביג. מען גיט אייך איינמאל אין לעבן א לעבנסלענגליכער פערמיט פון 600 סקווער פוס, און מער פון דעם קענט איר קיינמאל אין אייער לעבן נישט ארויסבויען. און אויב איר אייער 'לאַט' העכער דעם 'סקעניג אווערלעין' קענט איר דאס אויך נישט...**

כהנה וכהנה הוסיפו בני עולה, צו איינצוימען און דערקוטשענען די איינוואוינער. דער 'פלענינג באורד' האט געטוהן זייער תפקיד מיט א געטריישאפט, צו מצער געווען אידישע קינדער אויף אן אופן וואס עס לאזט זיך נישט באשרייבן. מען האט געטרעטן אויף מענטשן און בארויבט זייערע מינימאלע רעכטן, און אלעס בשאט נפש, אונטער'ן מאנטל פון געזעץ און מיט א שיינעם שמייכל אויפ'ן פנים, ווי די היזיגע איינוואוינער זענען ליידער דאס בעסטע עדות.

איינס פון די וויכטיגע זאכן וואס מען האט שוין אנגעהויבן צו טון באלד ווען די ווילעדזש איז אריבער אונטער א סיפאטישע אדמיניסטראציע, איז געווען צו אנהויבן טוישן דעם 'ווילעדזש באורד'. מיט דער האפענונג אז מיט א 'סופער מאיאריטעט' וועט מען דאס קענען אינגאנצן טוישן, זייענדיג קריטיש וויכטיג.

**צו דעם אלעם האבן די אלטע ווילעדזש באאמטע געהאט דעם לויער, דעם 'פלענער', און דעם אינדזשעניר, וועלכע זענען אלע געווען אויסגערופענע אידן פיינט, וואס האבן געטוהן אלע סארט רשעות עס איז אין געווען אין זייער מעגליכקייט אונטער דעם שלייער פון געזעץ. זיי פלעגן האלטן אין איין איבערשרייבן דעם 'זאונינג קאוד', ווען יעדן מאנטאג און דאנערשטאג האט מען געהערט פון עפעס אן 'אמענדמענט' צו דעם 'קאוד', איבערגעשריבן דעם 'קאוד' איינמאל און נאכאמאל.**

**אט די אומ'יושר'דיגע איינגעשטעלטע האט מען באלד אויפגעטוישט, נאכדעם וואס דער אמטירנדער מעיאר יר"ה איז אריין אין אמט. עס זענען אויפגענומען געווארן אנדערע מענטשן וועלכע זאלן זיך יא רעכענען מיט'ן ציבור.**

**גלייכצייטיג קוקט מען ארויס מיט האפענונג אז נאכדעם וואס מען וועט בעז"ה האבן א סופער מאריאטעט אויפ'ן 'ווילעדזש באורד', - אז מען זאל נישט געשטערט ווערן פון די 'סטעיט' און די 'קאונטי' - וועט מען בסייעתא דשמיא צוריקדרייען די אלע קרומע און רשעות'דיגע 'זאונינג' געזעצן, און דאס צוריקשטעלן לויט די ארגינעלע געזעץ, ווי אזוי עס איז געווען בשעתו פאר 15 יאר צוריק, אויף א צופרינשטעלנדן אופן פאר יעדן איינעם, צו פארזיכערן אז אידן קענען האבן נארמאלע רחבות'דיגע הייזער, און צו דער זעלבער צייט זאל דער ווילעדזש פארבלייבן א רואיגע מסודר'דיגע געגנט מיט א נאבעלע אויסשטעל.**

זייער אייגענעם לויער, זייער אייגענעם 'ספעשל קאונסיל', אזוי אויך אן אינדזשעניר, און א 'פלענער'.

אונטער נארמאלע אומשטענדן, אונטער א יושר'דיגע ווירטשאפט פון אן אויפריכטיגע 'פלענינג באורד' איז זייער אויפגאבע צו אריינקוקן אין דעם 'ספעשל אפליקעישאן', און באטראכטן אויב די פלענער זענען פאסיג פאר דער געגנט.

צום ביישפיל באטראכטן זיי אויב דער געביידע וועט זיין צוגעפאסט פאר דעם טראפיק. אויב זעהט מען אז דער נייער פראיעקט וועט ברענגען צופיל קארס דארף מען צושטעלן גענוג פארקינג אז די קארס זאלן נישט פארבלייבן אויפ'ן ראוד.

דאס זעלבע באטראכטן זיי אויב ס'איז פארהאן גענוג 'סוער' אדער גענוג וואסער, און אז דער געביידע זאל זיך אריינפאסן אין די סביבה, עס זאל נישט זיין בולט גרעסער פון די ארומיגע גאסן און די אויסקוקן פון די געגנט זאל פארבלייבן מענטשליך און רחבות'דיג.

יעדעס מאל וואס עס ווערט אריינגעגעבן א 'ספעשל אפליקעישאן' זעצן זיך צוזאם דער 'פלענינג באורד' און זיי באטראכטן דעם אפליקעישאן אינאיינעם מיט'ן אינדזשעניר און מיט'ן 'פלענער'.

מען זעצט זיך דאן אראפ מיט'ן אפליקאנט, און מען שמועסט עס אויס מיט אים. אויב עס פארלאנגען זיך טוישונגען, זאגט מען אים וואספארא טוישונגען מען דארף מאכן א.א.וו. ביז געווענליך גיט מען אים א פערמיט, אויב איז ער נאכגעקומען די נויטיגע פארשריפטן.

אויב אבער דער 'פלענינג באורד' קען זיך נישט אדורכקומען מיט אים און זיי ווילן נישט געבן קיין פערמיט, קען דער אפליקאנט אפעלירן זייער באשלוס, צו דעם 'זאונינג באורד אוו אפיעלס', בעסער באקאנט אלס דער זי. בי. עי.

דער 'זאונינג באורד אוו אפיעלס' דארף אויסהערן דעם מענטש,

וואס עס איז זיין טענה קעגן דעם פלענינג באורד'ס באשלוס, און זיי מאכן אן החלטה ווער עס איז גערעכט אין דעם פאל. אויב ביידע האבן זאכליכע טענות וועלן זיי מאכן א פשרה.

## דער באדייט פון א "ליד עדזשענסי"

עס איז איינגעפירט אן איינשטעל פון א lead agency. דאס מיינט אז, לאמיר זאגן, דער 'פלענינג באורד' טוט באשליסן, אז כדי צו געבן א 'פערמיט' מוזן זיי לאזן לויפן א געוויסע שטודיע, וו.צ.בש. א טרעפיק שטודיע, א וואסער שטודיע, א סוער שטודיע, אן 'ענווייראמענטל' שטודיע, באשטעלן זיי אזא שטודיע, געוועגליך טוט מען עס אויף די קאסטן פאר דעם אפליקאנט, ער דארף עס באצאלן.

אבער דאן איז פארהאן א קאנצעפט וואס הייסט lead agency, דאס באדייט אז דער 'פלענינג באורד' קען זאגן אז זיי באשטעלן די שטודיע און זיי זענען אויך די lead agency ד. ה. אז זיי וועלן אדורכליינען די שטודיע און מחליט זיין אויף די אייגענע האנט וואס מען טוט דא.

אסאך מאל איז דא א lead agency-co ד. ה. אז דער 'פלענינג באורד' אינאיינעם מיט דער זאונינג באורד באשטעלן עס, און זיי ביידע וועלן עס אדורכקוקן, און ביידע וועלן מאכן באשלוסן באזירט אויף דער שטודיע.

עס איז דא אפילו עטליכע מאל, וואס דער 'ווילעדזש באורד' קען אויך זיין א lead agency-co אזוי ווי עס האט זיך אפגעשפילט ביי דעם היימישן 'קלאוו וואוד' דעוועלאפמענט, וואס דארט האט מען זיך אנגעשטויסן מיט ממש אויסערארדנטליכע רשעות און אנטיסעמיטיזם, ווען דער פעדעראלער 'באנקראפסי קאורט' האט באצווינגען דעם 'ווילעדזש באורד' זאל זיין א lead agency-co כדי אז דער 'פלענינג באורד' זאל נישט קענען אליינס פסק'ענען און אפ'פסל'ען די זאך, נאר מען זאל אריינברענגען דעם אנדערן באורד אויך, און עס זאל זיין co-Lead אויף אלע שטודיעס וועלכע ווערן דא געמאכט, די 'ענווייראמענטל' שטודיעס מיט אלע זאכן.

די אלע אויבנדערמאנטע דעטאלן פון א 'פלענינג באורד' איז ווען עס איז די רעדע פון א געווענליכע ווילעדזש וועלכע פירט איר ווירטשאפט ווי געהעריג, וואס דעמאלס איז הכל על מקומו יבא בשלום, און יעדער איז צופרידן.

**ווי אנדערש איז עס געווען ביי אונז אין שטאט, וויאזוי איז די 'פלענינג באורד' אנגגאנגען ביז לעצטענס, און א טייל נאך ביז היינט, לייענט קומענדיגע וואך אינעם שטימע.**

## א בליק אין בלומינגראוו



הגה"צ רבי יואל האלבערשטאם שליט"א, אב"ד קיט"ל אינאיינעם מיטן משגיח העירוב הרב ר' בערל מרגליות שליט"א ביים בודק זיין דעם עירוב






נייע באסעס פאר די העכער טויזנט קינדער אין בלומינגראוו ווערן געסטיקערט צו קענען לעגאל ארויפגיין אויפן ראוד צו פירן די קינדער צו די בנייני המוסדות, צוגעלייגט גרויסע לעכטיגע אותיות צו קענען גרינג אינדענטפיצירן די באסעס






די 7 נייע באסעס פון 'מוסדות התורה והחינוך בלומינגראוו' גייען דורך א אינספעקשאן, איינס פון די נייע באסעס איז בנדבת די פאראוואלטונג פון פעפערמינט גראסערי

# ברכת מזל טוב

לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

הגה"צ **אב"ד ראדאוויץ** שליט"א
לרגל נישואי נכדתו למז"ט
בת בנו הרה"ג ר' יואל שליט"א

מוה"ר **יוסף ברוך רייך** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

מוה"ר **טובי' מאיר אינדיג** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

מוה"ר **צבי עזריאל יחיאל אינדיג** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **יקותיאל (לייבי) ראזנער** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **יצחק פנחס ווייסמאנדל** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **אליעזר יחזקאל שווימער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **חיים מענדל הכהן קאהן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **משה אהרן שפילמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **מתתי' דייטש** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

וכאן המקום להודות לו על מאמריו הנחמדים, שכותב מפעם
לפעם להנאת כל הקוראים תושבי עירינו

יזכו כולם לראות רב נחת דקדושה
מתוך הרחבת הדעת

# ברוכים הבאים

מקבלים בזה מע"כ
אנ"ש לרגל בואם
להשתקע בעירינו

מו"ה **שלמה רפאל דייטש** הי"ו
ב"ר יעקב ישראל • חתן ר' יעקב פארקאש

מו"ה **יואל גראס** הי"ו
ב"ר מרדכי • חתן ר' דוד שמואל גאלדבערגער

מו"ה **ברוך שטעסל** הי"ו
ב"ר בערל • וחתן ר' אהרן יוסף שווארץ

מו"ה **משה זוסמאן** הי"ו
ב"ר ישראל מרדכי • וחתן ר' בערל בערקאוויטש

ר' **יושע ווייס** הי"ו
ב"ר אשר • חתן ר' אברהם פילאפף

צוליב וואס עס מופן כסדר אריין נייע משפחות, און
נייע אידישע הויז אייגענטומער, איז מעגליך אז מיר
האבן נישט יעדן ארויפצושטעלן אויף די ליסטע

יהא בואכם לברכה, ואתכם הסליחה

# BLOOMING GROVE RENTALS

- 5 Room appt.
- 8 Room appt.
- Offices
- Warehouse space
- Short term rentals

Please call 347-441-0082

אריינצושיקן נייעס, ארטיקלן, בילדער,
הערות און געדאנקן אדווערטייזמענטס, ביטע
זיך פארבינדן מיט די רעדאקציע אויף:

**mail@shtima.com**

ווי אויך קען מען אריינרופן אין אפיס פון די שטימע אויף:

**845.384.2818**

# CDL DRIVERS NEEDED

**part time and full time,**
**$50 per Hour/Route!**

**We also pay for your CDL course.**

**Positions available Today!**

**Call Now: 845.412.0482**




PRSRTD STD
US POSTAGE
**PAID**
PERMIT 70
MONSEY NY

**BG shtima**
P. O. Box 808
Monroe NY 10949